A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
Canada
And Abroad

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

CANADA

האט איר שוין א
קליינע סייף ביי
אייך אין הויז?
אויב ניט קומט
אריין און נעמט
איינע פריי —
עפענט אן
אקאונט בלויז
מיט איין דאלאר

VOLUME VII No. 2619 Toronto Thur y February 26 1920 ז' אדר פרשה תצוה תרפ דאנערשטאג, 26 פעברואר 1920. PRICE TWO CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

# אקציאנס קאמיטעט באשליסט צו רופען אלוועלטליכען ציוניסטישען קאנפערענץ אין חודש יולי

## אקציאנס קאמיטעט באשליסט צו עפענען א אידישע ארבייטער אפטיילונג אין פאלעסטינא

קאנפערענץ געשלאסען. — ציוניסטישע פיהרער זיכער, אז פאלעסטינא וועט באלאנגען צו ענגלאנד. — אנגענומען א רעזאלוציע צו העלפען קאלאניסטען — אנדערע וויכטיגע באשלוסען.

אינט. אידישע פרעס ביורא.

ניו יארק פעברואר 25.

פון לאנדאן זיינען אהער אנגעקומען ידיעות וואס מעלדען וועגען א גאנצער רייהע וויכטיגע רעזאלוציעס וואס זיינען אנגענומען געווארען ביים קאנפערענץ פון דעם ציוניסטישען אקציאנס קאמיטעט. די זיצונגען האבען זיך היינט געשלאסען.

עס ווערט געמאלדען דאס די קאנפערענץ האט אנגענומען א רעזאלוציע צו העלפען אלע פאלעסטינער קאלאניסטען, וואס ווילען זיך באזעצען אויפ'ן לאנד און מאכען ערד ארבייט פאר זייער באשעפטיגונג.

### קאאפעראטיוען און לייה-אנשטאלטען

די קאנפערענץ האט זיך ארויסגעזאגט צו זיין איינפערשטאנען מיט דעם פלאן פון גרינדען קאאפעראטיוען און לייה-אלשטאלטען פאר די ארבייטער.

וואס אנבעלאנגט דער פראגע פון די אויסזיכטען אויף א אידישער פאלעסטינא האבען די ציוניסטישע פיהרער אויסגעדריקט די מיינונג דאס זיי זיינען שוין איצט זיכער דאס פאלעסטינא וועט זיין אונטערן רשות פון ענגלאנד.

דר. רופין האט פארגעשלאגען דאס אין פאלעסטינא זאל איינגעפיהרט ווערען א סיסטעמע צו באשטייערען דאס לאנד און דאס וועט פארהיטען אז מענשען זאלען ניט שפעקולירען מיט'ן לאנד.

**א גרויסע נדבה פאר פאלעסטינא.**

ביים קאנפערענץ האט דער דעלעגאט פון בולגאריען אווראנאוו, געשאנקען א נדבה פון א האלבען מיליאן ליעס פאר פאלעסטינא.

אין א רעדע וואס תוגא הערמאן, דער רעלעגאט פון טשעכא סלאוואקיען האט געהאלטען ביים ענדע פון די זיצונגען האט ער געראטען די אדמיניסטראציע איינצופיהרען ציוניסטישע אינפארמאציאנס ביוראס וואוהין מען זאל זיך קאנען ווענדען נאך אויסקינפטען וועגען ציוניסטישע ענינים.

### פראגען וועגען א וועלטליכען קאנגרעס.

די פראגע וועגען איינרופען אן אלוועלטליכען ציוניסטישען קאנגרעס האט פארנומען זעהר א סך צייט. די דעבאטען פאר און געגען זענען געווען זעהר פיעל. אבער צום סוף איז באשלאסען געווארען אן אלוועלטליכער קאנגרעס זאל איינגערופען ווערען.

דאס פלאץ וואו דער קאנגרעס זאל געהאלטען ווערען איז נאך ניט באשלאסען געווארען, אבער עס איז אנגענומען געווארען דאס דער קאנגרעס זאל געהאלטען ווערען אין חודש יולי.

## פארמער רעגירונג ווייסט אין וואס פארמערס נויטיגען זיך

די פארמער רעגירונג האט נעכטען אנאנסירט דאס זי האלט איצט אין פארברייטען א ביל, וואס וועט פארגעשלאגען ווערען ווען די זיצונגען וועלען זיך עפענען, צו צינגען יעדען פארמער, יעדען מילנער, און אלע אנדערע אייגענטימער פון אזעלכע הייזער וואו עס ווערען געהאלטען עסענווארג איינצוריכטען בליזאפלייטערס אויף אזעלכע הייזער.

דער צוועק פון דיעזער ביל איז צו פארהיטען די גרויסע צאהל פייערן וואס קומען פאר יעדעס יאהר אויף די פארמס דורך דונערן וואס טרעפען אריין אין די שפייכלערס וואו עס ווערען געהאלטען תבואות. דורך דעם ווערט יעדען יאהר פארברענט א מאסע תבואות.

## פארטיידיגונגס לאיער קאן ניט באקעמפען די אנקלאגע

וויניפעג פעברואר 25.

ביי די היינטיגע פארהאנדלונגען אין דעם משפט פון די זיבען אנגעקלאגטע ארבייטער פיהרער איז ווידער פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישען מר. באנאר, דער לאיער פון דער פארטיידיגונג און מר. אנדרוס, דער פראקוראר. די אנקלאגע האט גענומען פאררופען עדות וואס לויט דער מיינונג פון מר. באנאר האבען גאר ניט צו טון מיט דער אנגעלעגענהייט וועגען וועלכען דער משפט געהט אן.

מר. אנדרוס האט ערקלערט דאס ער וועט ברענגען אזעלכע עדות ווי איהם געפעהלט און ער וועט רופען אזוי פיעל וויפיעל ער וועט וועלען ניט אכטענדיג ווי לאנג דער משפט וועט זיך ציהען.

מר. באנאר האט איינגעזעהען דאס זיין פראטעסטירען העלפט ניט און ער האט אויפגעגעבען זיין פארזוך צו שטערען ברענגען יענע עדות.

ביי די היינטיגע פארהאנדלונגען האט די אנקלאגע פארגעבראכט נאך עדות וואס האבען עדות געזאגט ווי אזוי בשעת דעם סטרייק האבען די סטרייקער געסטראשעט מאנכע ארבייטער וואס האבען געוואגט אנצוהאלטען זייערע באשעפטיגונגען אין די שטאדטישע דעפאטמענטען.

## אסקוויט באזיעגט זיינע געגנער

לאנדאן פעברואר 25.

געוועזענער פרעמיער ה. אסקוויטה, וואס איז געווען א קאנדידאט אין דעם ביי-עלעקשאן פון פעיסלי איז ערוועהלט געווארען צום האוז אף קאמאנס.

ער האט געקראגען מיט ארום 3 טויזענד שטימען מעהר פון דעם ארבייטער קאנדידאט. דער רעגירונגס קאנדידאט האט געקראגען א לעכערליך קליינע צאהל. אסקוויט האט באקומען ארום פופצעהן טויזענד שטימען. דער ארבייטער קאנדידאט האט געהאט נאהענט פון צוועלף טויזענד און דער יוניאניסט קנאפע פיער טויזענט.

## באלשעוויקעס שטארקסטע מאכט אין איראפע, אבער זיי ווילען שלום

לעאן טראצקי פארדאמט אלייאירטע פארברעכער פאר זייער פארזוך צו טויטען די רעוואלוציע. — זאגט אז יענע מדינות וואס וועלען פריהער אפשליסען שלום מיט די סאוויעטען וועלען דערפון פראפיטירען.

די היגע מייל ענד עמפייער האט נעכטען אפגעדרוקט אן אינטערוויו מיט לעאן טראצקי, דעם באלשעוויסטישען קריעגס מיניסטער וואו עס ווערט איבערגעגעבען זיין מיינונג וועגען דער איצטיגער לאגע. אין צוזאמענהאנג מיט דער איינלאדונג וואס די באלשעוויקעס האבען ארויסגעלאזען אפצושליסען שלום מיט די אלייאירטע. דער קארעספאנדענט גיט איבער דאס ער האט מיט איהם געפיהרט א געשפרעך וואס האט געדויערט ארום א שטונדע צייט, און אין פארלויף פון דער צייט האט טראצקי איבערקעהרט דריי מאל דעם פאלגענדען זאץ:

„טראצדעם וואס די רויטע ארמיי האט געהאט ריזיגע נצחונות דאך זיינען מיר גרייט צו מאכען שלום איצט פונקט אזוי גוט ווי מיר האבען דאס געוואלט אלע מאל, און יענעס לאנד וואס וועט זיין פון די ערשטע אריינצוגעהן אין פריינדליכע באציהונגען מיט אונז וועט זיין פון די ערשטע צו האבען דערפון א קאמערציעלען געווינס, און וועט דערפון פראפיטירען.“

דער קארעספאנדענט גיט אויך איבער די ענטפערס וואס טראצקי האט איהם געגעבען אויף זיינע פראגען.

טראצקי האט געזאגט דאס די מיליטערישע לאגע פון דער באלשעוויסטישען רעגירונג איז קיינמאל ניט געווען אזוי גוט ווי זי איז איצט. אויב די אלייאירטע זאלען ניט שיקען קיין ארמיי קעגען דער סאוויעטען ארמיי דאן וועלען דיזען פריהלינג פארניכטעט ווערען אלע פיינדליכע ארמייען וואס געפינען זיך אין רוסלאנד.

אויב עס זאל געשלאסען ווערען א שלום דאן וועט די באלשעוויסטישע רעגירונג געבען א גענוגענדע גאראנטיע אויף אלע געלדער וואס וועלען אריינגעלעגט ווערען אין רוסישע אונטערנעהמונגען.

וואס אנבעלאנגט דעם שלום האט טראצקי געזאגט דאס פאר די בורזשואזנע שטאטען דארף ניט פארקומען שווערער צו מאכען א קאמערציעלען שלום מיט קאמוניסטען ווי דאס איז געווען פאר דער דעמאקראטישער אמעריקא צו האנדלען מיט'ן צארישען רוסלאנד.

די סאוויעטען רעגירונג מוז באקומען פון ענגלאנד אדער אמעריקא אייזענבאהן לאקאמאטיוען און מאשינעריע.

אויב א שלום זאל געשלאסען ווערען וועט די ארמיי גלייך צולאזען ווערען, בלויז א גרענעץ גווארדיע וועט בלייבען.

צווישען דעם ארבייטער קלאס וועט אבער אנגעפיהרט ווערען מיליטערישע איבונגען.

דאס סאוויעטען רוסלאנד איז דאס איינציגע אמת'ע פרידליכע לאנד אין דער וועלט און מיליטאריזם קאן דארטען ניט עקזיסטירען.

### וואס די באלשעוויקעס האבען געהאט אויסצושטעהן.

טראצקי האט אין א מייסטערהאפטער שילדערונג איבערגעגעבען פארן קארעספאנדענט די שווערע לאגע אין וועלכער די באלשעוויסטישע רעגירונג האט זיך געפונען די גאנצע צייט. ווען די אלייאירטע האבען צוזאמען מיט די צארישע אנהענגער געזוכט צו טויטען די רעוואלוציע, אין אזא צייט האט מען געמוזט פארנאכלעסיגען דאס געזונט פון'ם פאלק און עס איז ניט געווען קיין מעגליכקייט איינצופאסען אויף דעם וואוילזיין פון דער באפעלקערונג. מען האט געמוזט זיך ראנגלען מיט דעם פיעלפאכיגען שונא. און דאך, האט טראצקי ווייטער געזאגט, זאל פרעמיער לאיד דזשארדזש אדער קלעמענסאו, קאנען אויפווייזען דאס ער האט [illegible] זיך א גוט דיסציפלינירטע און געטריי איבערגעגעבענע ארמיי פון דריי מיליאן גוט געמונטירטע סאלדאטען ווי דאס האט איצט די באלשעוויסטישע רעגירונג.

קיין אנדערע רעגירונג אין דער וועלט וואלט ניט געקענט באווייזען דאס וואס די סאוויעטען האבען באוויזען. זיי האבען איבערגענומען די פיהרונג אין לאנד בשעת רוסלאנד איז געווען אבגעקראט, אויסגעהוילט און אויסגעצופט פון יעדען ביסעל עסענווארג פון די פיער יאהר מלחמה, און אימפעריאליסטישע שחיטות.

סיי אין אמעריקא, סיי אין פראנקרייך, און דאס זעלבע אין ענגלאנד איז דאס פאלק מיעד פון דער מלחמה, דאס איז דערפאר וואס דאס פאלק הויבט אן דערפיהלען בחוש, אז זיי קעמפען אזא קאמף וואס ווערט געפיהרט פון קאפיטאליסטישע פיהרער און פאר קאפיטאליסטישע צוועקען. אנדערש איז אבער אונזער כח, קיין ארמיי קאן זיך ניט פארגלייכען צו אונזערער, אונזערע ווייסט דאס זי קעמפט צו באפרייען דעם פראלעטאריאט.

א שארפע און בייסענדע קריטיק האט טראצקי געגעבען אויף דער קרימינאלער האנדלונג פון די אלייאירטע מיט זייער אפרוף אנצורייצען אנדערע לענדער אויף די באלשעוויקעס.

דער קארעספאנדענט מאלט אויך אפ טראצקין אלס א מאדערנעם ווידערשפרוך, א מענש וואס איז דער העכסטער אויסדרוק פון פאסיפיזם איז אין אמת'ן דער גרעסטער מיליטערישער גניוס וואס דער איצטיגער יאהר הונדערט פארמאגט. דער קארעספאנדענט זאגט דאס טראצקי אליין לויפט פון איין פראנט צום צווייטען און די קאמאנדע ווערט אנגעפיהרט אלס אונטער זיין רשות.

א זעלטען גוטע באשרייבונג ווערט אויך איבערגעגעבען וועגען דער גרויסער ארבייט וואס טראצקי פיהרט אן אין לאנד.

## א האלבען מיליאן מענשען האבען אנגעשארט אוצרות פון דער מלחמה

לאנדאן פעברואר 25

די קאמיסיע פון איינלענדישע הכנסות האט איבערגעגעבען א רעפארט צום האוז אף קאמאנס דאס נאהענט פון א האלבען מיליאן מענשען איבערן גאנצען לאנד האבען דורך דער צייט פון דער מלחמה אנגעשארט גאנצע אוצרות.

דער באריכט איז איבערגעגעבען געווארען בשעת עס איז אנגעגאנגען א דיסקוסיע וועגען דעם צו זאל די רעגירונג ארויפלעגען א ספעציעלען שטייער אויף אזעלכע אוצרות, און אויב יא ווי אזוי זאל דער שטייער געמאכט ווערען. עס ווייזט אויס דאס די פראגע איז זעהר א פארפלאנטערטע.

### פלאן צו עפענען אן אפטאמעטרישען קורס

פרנציפאל דר. מעקעי, פון דער היגער טעכניקעל סקוהל האט פארגעשלאגען צו דער אינדאסטריעל אדווייזערי קאמיטע דאס אין דער טעכניקעל סקול זאל איינגעפיהרט ווערען א קורס פון אפטאמעטריע וואו עס זאל געגעבען ווערען אן אמת גוטער קורס צו מענשען וועלכע ווילען אננעהמען דיעזען קורס.

דר. מעקעי האט אנגעוויזען דאס אין קענעדע איז נאך ניטא קיין איין סקוהל וואס זאל האבען א גוטען קורס אין דיעזען ענין און אז ווען דער קורס וועט איינגעפיהרט ווערען וועט זיך דאס פון זיך אליין באצאהלען. די שטאדט וועט גארניט דארפען צולייגען דערצו.

### 18 טויטענפאלען פון אינפלוענציע

אין סיטי האל זיינען נעכטען געווען געווען געמאלדען אכצעהן טויטענפאלען אין פארלויף פון 24 שטונדען. די טויטענפאלען זיינען געווען 11 פון דער אינפלוענציע און זיבען פון לונגען אנצינדונגען.

צווישען די נעכטיגע טויטענפאלען איז אויך געווען אן אויסערגעוועהנליך גרויסער פראצענט מענער. פערצעהן פון די אכצעהן זענען געווען מענער.

### טשערמאן פון קאמערס בארד רעזיגנירט

אטאווא פעברואר 25

דזשארדזש ראבסאן, טשערמאן פון דער באורד אף קאמערס האט אריינגעגעבען זיין רעזיגנאציע צו סער דזשארדזש פאסטער, דער עקטינג פרעמיער.

עס ווערט ערקלערט דאס דזשארדזש ראבסאן האט ניט געקענט דורכקומען מיט דער סיוויל סוירוויס קאמישאן און איז צוליעב דעם געווען פיעל געשטערט אין זיין אויפגאבע. די רעזיגנאציע איז אנגענומען געווארען. דערווייל איז נאך ניט אנאנסירט געווארען ווער עס וועט פארנעהמען זיין ארט.

### רומענישע אייזענבאהנען אין אמעריקאנישע הענט

פאריז פעברואר 25

אין די היגע פינאנץ קרייזען איז ערקלערט געווארען דאס א גרויסער סינדיקאט פון אמעריקאנישע באנקירען האט זיך פארמירט מיט'ן צוועק איבערצונעהמען די פארוואלטונג פון רומענישע אייזענבאהנען. צוליעב דיעזען קאנג האבען א סך מענשען אנגעפאנגען אויסצוקויפען רומעניש געלט. מען ערווארטעט דאס א סך פון רומענישע אינדוסטריען זאלען אריינפאלען אין די הענט פון אמעריקאנישע באנקירען.

### גרוסען פון פוירען

מר. חיים לייב זילבערט, סאוט סט. גלאס בעי, קאנאדא. מיר זיינען אלע געזונט. גריסען אייך. שרייבט וואס איהר מאכט. מיר האבען פון אייך קיין נאכריכט. אשר זילבערט, ביאליסטאק, סענקעוויץ גאס 37.

חיים יוסף ראזענשטיין, טאראנטא, ווערט געגריסט פון איזיק ליבאוויטש לאדז פאלאנצנא 21.

יוסף לערנער, טאראנטא. ליעבער ברודער שרייב מיר וואס דו מאכסט. איך בין אין א שלעכטער לאגע און נויטיג זיך אין שטיצע.

דיין ברודער יצחק לערנער, לאדז, נאווקא גאס נומער 4.

## קאנפערענץ פון אלע אידישע קהלות אין פוילען צו העלפען אויפבויאונגס ארבייט

אסימילאטארען וועלען זיך ניט באטייליגען אין דעם קאנפערענץ. — 38 מיליאן מארק פארנאנדערגעטיילט צווישען נויט לידענדע. — אידישע געשעפטסלייט וועלען באקומען קליינע הלואות. — אנדערע אינלענדישע נייעס.

אינט. אידישע פרעס ביורא.

ניו יארק פעברואר 25.

אינפארמאציעס וואס זיינען דא דערהאלטען געווארען פון ווארשא גיבען איבער דאס גאר אין גיכען וועט אין ווארשא געהאלטען ווערען א קאנפערענץ מיט'ן צוועק אויסצוארבייטען פלענער ווי אזוי צו העלפען די אידישע קהלות פון פוילען אויפצובויען די רואינירטע אידישע שטעדט.

די ידיעה מעלדעט אויך דאס ביי דעם געפלאנטעטען קאנפערענץ וועלען זיין פארטראטען אלע אידישע פארטייען אבער די אסימילאטארישע אידען האבען זיך אפגעזאגט פון באטייליגען זיך אין דער קאנפערענץ.

די ידיעה מעלדעט דאס דר. באריס באגען, פארשטעהער פון דער אמעריקאנער דזשאינט דיסטריבושאן קאמיטע אין פוילען האט אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט פארטרעטער פון אידישע קהלות פון גאנץ פוילען און ליטא און אויך פון ווייס רוסלאנד, וואו עס איז דיסקוטירט געווארען ווי אזוי צו פארטיילען די אמעריקאנער שטיצע, צווישען די נויטלידענדע פוילישע אידען. ביים קאנפערענץ איז באשלאסען געווארען צו פארטיילען 38 מיליאן מארק צווישען אלע פארטראטענע קהלות.

עס ווערט אויך געמעלדען דאס א דעלעגאציע פון אידישע קליינע סוחרים האבען זיך געווענדעט מיט א בקשה צו דר. באגען צו מאכען פאר זיי קליינע הלואות כדי זיי זאלען פארשפארען אנצוקומען צו נדבות. דר. באגען האט זיי פארזיכערט דאס ער וואלט זייער בקשה גלייך נאכגעגעבען, אבער צוליעב פארשיעדענע אורזאכען קאן מען ניט באקומען קיין קרעדיט פון אמעריקא. ער האט זיי אבער פארשפראכען אויסצוליהען קלענערע סומען.

### לעמבערגער אידען קומען נאך ווארשא.

א ידיעה מעלדעט דאס א דעלעגאציע פון לעמבערגער ציוניסטען איז געקומען נאך ווארשא מיט'ן צוועק צו דערמאהנען די פוילישע רעגירונג וועגען דעם צוזאג וואס פאדערעווסקי האט געמאכט צו דער אידישער באפעלקערונג פון מזרח גאליציען צו העלפען פארבעסערען זייער פאליטישע לאגע, און אויך זארגען פאר דעם עקאנאמישען צושטאנד פון די אידען.

### עסטרייכישער קריעגס מיניסטער זאגט ער וועט פארהיטען פאגראמען.

פון וויען קומט א ידיעה דאס דער עסטרייכישער קריעגס מיניסטער האט געראטען די סאלדאטען ניט צו מאכען קיין פאגראמען. די ״ארבייטער צייטונג״ דרוקט א באריכט, דאס דער מיניסטער האט ארויסגעגעבען א באפעהל צו די סאלדאטען ניט צו באטייליגען זיך און ניט העלפען ארגאניזירען די פאגראמען.

די צייטונג דרוקט אויך די נייעס, דאס אין דערזעלבער צייט ווערט ניט געשטערט דער ציווילער באפעלקערונג צו מאכען פאגראמען, אויך ווערען די פאגראמשציקעס ניט פארפאלגט און זיי האבען אלע געלעגענהייטען צו אנטלויפען אידער ארעסטען קאנען געמאכט ווערען.

די צייטונג דרוקט אויך א באריכט דאס די עסטרייכישע רעגירונג פאדערט פון דער אונגארישער רעגירונג ארויסצוטרייבען די איינגעוואנדערטע אידען.

## אלייאירטע פרעמיערס זיינען גענויגט אויפצוגעבען די קלאגע געגען ווילהעלם'ן

לאנדאן פעברואר 25.

פון זעהר פארלעסליכע קוועלען איז היינט פארשפרייט געווארען די נייעס דאס די אלייאירטע פרעמיערס האבען ארויסגעזאגט די מיינונג אויפצוגעבען אין גאנצען דעם פארלאנג צו משפט'ען ווילהעלם'ען און אויך מוחל זיין האלאנד פאר איהר ענטזאגען זיך איהם ארויסצוגעבען. עס ווערט אויך געזאגט דאס עס וועט אפילו ניט געפאדערט ווערען פון האלאנד צו פארשיקען איהם אויף איינעם פון איהרע אינזלען.

דער שלום קאנפערענץ האט נעכטען באטראכט די פראגע וועגען האלאנד, און די פארלעסליכע ידיעות גיבען איבער דאס די פרעמיערס האבען אין גאנצען געביטען זייער מיינונג אין פארגלייך מיט די פריהערדיגע מיינונגען.

### שטיקער פון טערקיי פארנאנדערגעטיילט.

ביי דער היינטיגער מארגען זיצונג פון דעם שלום קאנפערענץ איז ווידער אויפגענומען געווארען די פראגע וועגען דעם טערקישען שלום אפמאך. עס ווערט מיט זיכערקייט באהויפטעט דאס דער קאנפערענץ האט באשלאסען א סך וויכטיגע פראגען אין צוזאמענהאנג מיט דער טערקישער פראגע.

איין באשלוס איז געווען דאס קיין איינציגע פון די אלייאירטע מלוכות זאל ניט טארען אנעקסירען שטיקער פון דער געוועזענער טערקישער טעריטאריע.

א צווייטער באשלוס איז געווען וועלכער האט באשטימט די געגענדען פאר יעדער פון די אלייאירטע מלוכות וואו זיי זאלען קאנען האבען די עקאנאמישע אויבערהאנט.

עס ווערט באהויפטעט דאס דער קאנפערענץ האט באשלאסען דאס פראנקרייך זאל האבען די אויבערהאנט אין סילישיא, און אין גריכישען סמירנא.

וועגען קאנסטאנטינאפאל איז באשלאסען געווארען דאס אלע פון די אלייאירטע מדינות זאלען האבען דאס גלייכע רעכט צו עקספלואטירען די עקאנאמישע מעגליכקייטען פון קאנסטאנטינאפאל.

פרעמיער ווענעזעלאס איז היינט נאכאמאל ערשיענען פאר'ן שלום קאנפערענץ און פארגעלייגט די טענות פון גריכענלאנד אין צוזאמענהאנג מיט דעם טערקישען שלום אפמאך. אויך ווי ווייט מען ווייסט האט דער קאנפערענץ ניט אנגענומען קיין איינציגען באשלוס אין דיעזער ריכטונג.

דער קאנפערענץ האט אויך באשלאסען גאר אין גיכען אויפצונעהמען די פראגע וועגען דעם אונגארישען שלום אפמאך.

# ניזאם

טערקישע סיגארעטס

10 פאר 18 סענט

2 פעקעדזשעס פאר 35 סענט

# דער פארברעכער

און אינטערעסאנטער און שפאנענ־דער ראמאן, אויס דעם אידי־שען לעבען פון פוילען און קאנאדע.

באארבייט פאר'ן „אידישען זשורנאל“

פון י. ב—ם

(116־טע פארזעצונג)

ענטשולדיגט וואס איך שטער אייך. האט די נוירס זיך א כאפ געטהון צוריק צוגעהן, זעהענדיג ווי בערטא און מרדכי זענען פארנומען אין אזא געמיטליכען שמועס.

א, ניין, עס מאכט ניט. האט בערטא געענטפערט קום אריין, און בלייב דא ביים קראנקען, ווייל איך וויל שוין געהן אהיים נאר איך האב ניט געוואלט לאזען דעם קראנקען אליין.

די נוירס האט זיך גענומען טוהן איהר ארבייט, בערטא האט זיך פארטיג געמאכט צום אוועקגעהן, און ווען זי איז צום בעט צו זאגען מרדכי'ן א גוטען טאג, האט זי שמייכלענדיג וויהער אמאהל א זאג געטהון. געדענקט זשע גוט מרדכי, אז פאהרען — פאהרען מיר ביידע דארט אין יענער וועלט, וועלכע איז מיר אינגאנצען פרעמד. אבער פון וועלכער איך האב זעהר פיל געהערט.

מרדכי האט זיך צושמייכעלט.

כ'האב מורא אז אויך דער פלאן בערטא איז א ניט געלונגענער, און וועט ווייניג רעזולטאטען ברענגען, ווייל נאכ איינען זענט איהר נאך ניט אינגאנצען אייערע. האט מרדכי געענטפערט.

פאר דעם זאלט איהר זיך ניט זארגען האט בערטא געענטפערט, אויף דעם בין איך דאך עפעס א איינציגע טאכטער.

זי האט גענומען א בושער פון מרדכי'ן זיך דורכגעשאקעלט מיט עטליכע שטילע ווערטער צו דער נוירס און ארויס פון צימער.

אויס'ן וועג האט בערטא אנגעקוואלען פון דעם נייעם פלאן וואס זי האט מרדכי'ן געגעבען מיט צו פאהרען מיט איהם.

איך גלייב אז איך וועל איהם אבסעל שטערען, יעצט דערמיט, ווייל מיט מיר פאהרען וועט ער זיך שעהמען, וואס ר'ייסט קומען מיט א מיידעל אהיים, נאכ דעם ווי דאס ווייב איז געשטארבען, און מיט א פרעמד מיידעל, וועלכע איז געבוירען אין אמעריקא.

ענטזאגען צו מיר, אז ער וויל ניט, וועט ער אויך ניט קענען ווייל דערצו מוז מען דאך האבען אורזאכען, און וואס צום ביישפיעל, קען ער אויסזוכען פאר א תירוץ דערמיט אז איך זאל זיצען אין דערהיים.

בערטא האט זיך זעלבסט צולאכט.

און זעהר צופרידען געווען פון איהר פלאן.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס, האט זי זיך געטראכט.

איך מוז יעצט מיט איהם ווערען נעהנטער, אביסעלע נעהנטער ווי איך בין מיט איהם, און דערצו נויטיגט זיך צו מאכען איהם פאר אן איגענעם אין אונזער הויז.

איך ווייס אז מיין פאטער וועט זיך אביסעל קווינקלען, עס וועט איהם זיין שווער מיר נאכצוגעבען דאס וואס איך פארלאנג פון איהם, אבער ער וועט דאך מוזען צוגעבען, אז ער וועט ניט לעבען דעם אפילו וואס ער וועט שוין איהם געפעהלען. און מיך ניט צווינגען צו פארשטויסען דאס וואס איז מיר אזוי ליעב און טייער.

בערטא האט צום ערשטען מאהל א טראכט געטהון וועגען איהר ליבע צו מרדכי'ן, און אום זיכער צו זיין אז זי ליבט איהם האט זי זעלבסט צו זיך געשעפטשעט.

ער איז דאך אזא ליבעס ווינהדיגער, אזא סימפאטישער, ער באגרייפט דאס אמת'ע לעבען, און עס וואלט מיר הארציג באנג געטהון, ווען ער זאל אוועקפאהרען.

דעם גאנצען וועג איז בערטא געווען פארנומען מיט זיך, זי האט געטראכט וועגען נייע פלענער אבער ניט צו דערלאזען אז מרדכי זאל אפפאהרען אהיים, ביז זי איז צום הויז געקומען.

אריינקומענדיג אין הויז, האט זי דערהערט אז איהר פאטער איז דא, זי האט פארשטאנען אז דאס ווארט ער אויף איהר, אום צו זעהן ווען זי וועט אהיים קומען, זי האט דארום ניט געווארט ביז ער וועט זי ארויסרופען, נאר זעלבסט אריין אין זיין צימער.

אונזער קראנקער פיהלט בעסער, און נאך אין א צוויי טעג ארום וועט ער אימשטאנד זיין ארויסצוגעהן אין גאס. האט בערטא פריהליך געזאגט, אזוי שנעל ווי זי איז אין פאטערס צימער אריינגעקומען.

זעהר שעהן, און עס פרעהט מיך זעהר דאס צו הערען, האט דער אלטער געענטפערט, אבער שעהנער וואלט געווען ווען דו געהסט אהיים מיט מיר, ניט צו בלייבען דארט מיט איהם.

ער איז דאך געוועזען אליין, האט בערטא נאאיוו געזאגט.

די נוירס, אדער זיין בעלהבית'טע וואלטען שוין אויף איהם אויפגעפאסט.

אט דאס האב איך דאך געזאגט. האט זי מיט דער זעלבער נאאיווקייט באמערקט, איך בין דארט געוועזען אזוי לאנג ווי די נוירס איז ניט געוועזען. און אזוי שנעל ווי זי איז אריינגעקומען בין איך אוועק.

דער אלטער האט זיך צולאכט.

וואס לאכסטו פא, האט בערטא געפרעגט, וואס איז דאס אזעלכעס צו לאכען, איך בין אוועק צום קראנקען, געוועזען דארט אביסעל, געווארט ביז די נוירס איז געקומען, און אוועק צוריק אהיים, איך זעה ניט דערביי קיין געלעכטער.

אט טאקע דערפאר לאך איך, ווייל דו באגרייפסט קיין זאך ניט, נאר אלעס איז ביי דיר אזוי גלייכגילטיג, פונקט ווי ביים אויסשטעלען א טשעק אויף א געוויסער סומע.

בערטא איז נעהנטער צוגעגאנגען צום פלאן וואו דער פאטער איז געזעסען.

(ווערט פארגעזעצט)

# לאדזער לאנדסלייט!

## פוילישע יודען

ווילט איהר האבען א טאג־טעגליכען גרוס פון אייער אלטער היים?
ווילט איהר הערען, ווי עס לעבט זיך אייערע עלטערן, פרויען, ברידער און שוועסטער אין אייער געבורטס־שטאדט?
ווילט איהר וויסען, וואס אייערע נאהענטע און בעקאנטע טוען?
ווילט איהר אויפזוכען אייערע קרובים און בעקאנטע אין לאדז און אין אנדערע שטעדט פון פוילען?

דאן הייסט זיך אונבאדינגט צושיקען דאס

# לאדזער פאלקסבלאט

דאס „פאלקסבלאט“ איז די פערשפרייטעסטע און אם שטארקסטען געלעזענע אידישע צייטונג אין לאדז און אין דער גאנצער פוילישער פראווינץ.

דאס „פאלקסבלאט“ דרוקט טעגליך גרוסען קיין אמעריקא, קאנאדע, ענגלאנד און א. וו. און סך הכל

## פאר צוויי דאלאר

קענט איהר הורך דער פאסט בעקומען דאס בלאט צוגעשיקט צו אייך אהיים א גאנץ יאהר!

שיקט באלד ארויס די צוויי דאלאר אבאנעמענטס־געלד און איהר האט אן אונאויפהערליכע פארבינדונג מיט אייער אלטער היים!

דער אדרעס איז: „FOLKSBLAT“ Lodz, Poland

## ערשטע צאהלונג וועט זיין דעם 1־טען אפריל

בערלין פעברואר 25

די פאן געמאנישע פרעסע דרוקט איבער טעלעגראמען וואס זיינען ערשינען אין דער „עקא דע פארי“, באהויפטענדיג דאס דער שלום קאנפערענץ האט באשלאסען אז דייטשלאנד וועט דארפען מאכען די ערשטע איינצאהלונג אויף דעם שאדענערזאץ דעם 1־טען אפריל.

## דיאמאנטען

פאר מזומן אדער אויף קרעדיט. זייט זיכער צו זעהען אונזער אויסוואהל פון דיאמאנטען. מיר גאראנטירען צו פארשפארען אייך געלט.

דזשייקאבס בראדערס

15 טאראנטא ארקייד.

## הוסטען און פארקיהלונגען מיינט שלאפלאזע נעכט

מיט יעדער שטונדע, וואס מען פארלענגערט א פארקיהלונג איז פארהאן א געפאהר. העלפט צו דער נאטור געזונט צו ווערען, געברויכענדיג

Dr Macey's Cough Cure

פרייז 35 סענט, פארקויפט נאר ביי

Claude J Halloran

דראגיסט

202 Dundas W. Cor. Centre Av

TORONTO

# דער ערשטער ליבער גאסט

וואס קומט צו אייך אלע אין דער פריה און דערצעהלט אייך די סאמע פרישע נייעס פון דער גאנצער וועלט, פון אייער נייער היים, פון אייער אלטער היים, פון פאליטיק, פון געשעהענישען אין לאנד. נייעס פון דער שטאדט. נייעס פון ארום דער שטאדט נייעס פון גאנץ קאנאדע איז

# דער אידישער זשורנאל

וואס שטעהט שטענדיג אויף דער וואך פון אייערע אינטערעסען קעמפט פאר אייך, פארטיידיגט אייך. אלע פאסירונגען פון טאראנטא, ארום טאראנטא, האמילטאן, מאנטרעאל ווי ניפעג, אטאווא, און אייער ארגאניזאציע און אייער פאראיין, אלעס דערוויסט איהר זיך דורך דעם.

## „אידישען זשורנאל“

זייט איהר א האנדעלס מענש און ארבייטער, א בעל הבית, א כלל־טוער, א פארטיי מענש, מוזט איהר יעדען פרימארגען לעזען דעם

## „אידישען זשורנאל“

ווילט איהר וויסען וואס עס הערט זיך יעצט אין פוילען, רוסלאנד, ליטא, רומעניען, גאליציען, אוקראינא, דאמאלס לעזט די אינטערעסאנטע קארעספאנדענציעס וועלכע ווערען ספעציעל צוגעשיקט צום

## „אידישען זשורנאל“

נייעס סיי פון אייער אייגענער שטאדט, סיי פון אנדערע שטעדט, באקומט איהר יעדען פרימארגען אין

## „אידישען זשורנאל“

זאגט אייער סוחר, וועלכער באזארגט אייך מיט ארטיקלען צום עסען, ביי וועלכען איהר קויפט מאטעריעלע שפייז, אז ער זאל אייך פאר אייך ארדערען דעם

## „אידישען זשורנאל“

לעזט זעלבסט, רעקאמענדירט צו אייערע פריינט, אז זיי זאלען ווערען לעזער פון

## „אידישען זשורנאל“

אפיס אדרעס

251 קווין סט. וועסט

טעל. עדלייד 3967

## בשר וואורשט פעקטארי

בהכשר הרבנים הרב ר' יוסף וויינריב הרב ר' יעקב נארדאן

מיר זיינען די איינציגע וואס פאבריצירען אלע סארטען ווארשט און פליישען, בתכלית הכשרות. אונטער א שטרענגער רבנ'ישער השגחה און מיט א שטענדיגען משגיח. לאזט אייך ניט נארען! היט אונזער נאמען מיט די נעמען פון די רבנים און דעם משגיח אויף די לייבעלס. ארדערס ווערען געשיקט איבער גאנץ קענעדע.

Kosher Beef Products Co.
664 Richmond St. W.
M. Salkovitch Mgr
Toronto, Ont.

## סאהען און סאהען

באריסטערס און נאטארי פאבליק
א. א. וו.
מאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט.
מיין 2684.
אברהם קאהען נארט 867
סעמיועלס קאהען דזשאנקשאן 1545.

## דר. מ. פיזוניק

דענטיסט

שמערצלאזע עקסטרעקשאן פון צייהן
קאר. קווין און ספעדינע עוו רום 2
טעלעפאן ארעלייד 4287

## יעקב מ. בענעט

(פון בענעט און קעמעראן)

באריסטערס, סאליסטערס, נאטאריעס א. ז. וו.
2301 דאנדעס סטר. וועסט טאראנטא
טעלעפאן דזשאנקשאן 9077.
אווענינג טעלעפאן דזשאנקשאן 983.

## דר ס. פערלמאן

דענטיסט

341 באטהורסט סטריט.
טעלעפאן קאלעדזש 5720
גיט אכטונג אויף דער גרויסער עלעקטרישער שילד
בהידוש ארבייט צו מעסיגע פרייזען
אפען אין אווענט.

## ד"ר א. סיגעל

דענטיסט

קארנער דאנדעס סטריט און ספעדינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלעדזש 6073

## בלויז הון וולאדאווסקי

איז אנשטענדיג, ריין און פארזיכטיג

## אלס מוהל

אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אנבעטראכט ווייל דאס איז אין זייער אייגענעם בענעפיט. קאנטרי לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחות.

וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1076

# מצבות

פון מארבעל און גראניט
ווערט געמאכט ביי
קעמינס און סאן
ווי אויך סיינס צו מעסיגע
די בעסטע פרייזען.
טעלעפאן עדלייד 5957.
120־118 טעראלי סט.
טאראנטא.

## צו פערענטען

צו פארדינגען א פלעט אין רעכטען אידישען צענטער, דער פלעט איז איבער'ן אפיס פונ'ם „אידישען זשורנאל“, „דער צווייטער פלאר“, וועט אויסגעפיקסט ווערען לויט דער באקוועמליכקייט פונ'ם דינגער פאסיג פאר א לאיערס אפיס אדער עהנליכע אפיסעס — נאכצופרעגען אין אפיס פון „זשורנאל“.

צו פארדינגען א פלעט מיט עלעקטריק און אלע קאנוויניענס אפיס 229 בעווערלי סטריט.
10371—3—3

צו פארדינגען א שעהנע פארנישט רום סטים היעט און א טעלעפאן צום יוזען. קאל. 1924 פון 6 ביז 7 אין אוונט.
10363—2—28

## ארבייטער פארלאנגט

אפרייטארס צו לידיס קאוטס און סוטס בעסטע פרייזעס אין שטאדט סטעדי ארבייט פידלער און סניידער 227 ריטשמאנד וועסט
10375—2—27

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס און ק ליינינג פעקערס און באטען נייערס צו לידיס סוטס סטעדי ארבייט און העכסטע פרייזעס פאסקענס און סאנס 296 ריטשמאנד וועסט

עקספיריענסד באטאן נייערס פערלאנגט פאר לידיס קאוטס און סוטס. שטיק ארבייט. פרעגען פעשאן קלאוק קאמפאניע 468 קינג וועסט.
10355—2—26

פארלאנגט פרויען צו נעהמען ארבייט אהיים צו עמבראידערען אויף אזוינע וועלכע ווילען ארבייטען אין שאפ, נאר גוטע אויסנייערינס זאלען זיך ווענדען. גוטע וויידזשעס. פרעגט 150 קווין איסט אדער טעלעפאן מיין 6541. אין אוונט טעלעפאנירט קאלעדזש 990.
10357—3—10

פערלאנגט פרויען צו נעהמען ארבייט אהיים צו עמבראידערען, אויך די וואס ווילען ארבייטען אין שאפ. נאר גוטע אויסנייערינס זאלען זיך ווענדען. גוטע פרייזען. מיס וויט 150 קווין איסט, פאן מיין 6541.
10357—2—20

פערלאנגט א פעהיגע פרוי צו געהן אין פריוואטע הייזער אכטונג צו געבען אויף די מוטערס וואס זיינען קראנק, אדער אכטונג געבען אויף די קינדער בשעת די מוטערס זיינען אין האספיטאל. וויידזשעס 15 דאלאר וועכענטליך. שטענדיגע באשעפטיגונג. נאכפרעגען אין אפיס פון דער פעדעריישאן אף דזשואיש פילאנטראפיס 206 בעווערלי סטריט, צווישען 10 אין דער פריה און 5.30 אוונט.
10368—2—29

פארלאנגט א דרייווער ביי די אנטעריא גראסערי לימיטעד 188 דאנדאס סטריט וועסט
10366—2—29

פערלאנגט א פעהיגען באי פאר אפיס ארבייט, גוטע געלעגענהייט זיך ארויפצוארבייטען. ראטענבערג 141 קווין סטריט וועסט.
10361—2—26

פאר פינישערס פארלאנגט, סטעדי ארבייט און גוטע וויידזשעס, נאר ערשטע קלאס ארבייטער זאלען זיך ווענדען. וויטקין און קאמפאניע 208 וויקטאריא סטריט.
10362—2—29

פערלאנגט עקספיריענסד שניידער צו סעקאנד הענד קלאדינג. בעסטע וויידזשעס, סטעדי ארבייט. פרעגען האפמאן 347 קווין איסט.
10360—2—27

פערלאנגט באטאן נייערס, 25 פעח א הונדערט באטאנס געצאהלט. ריליייבל קלאוק קאמפ. 104 דזשאהן סטריט.
10374—2—29

עקספיריענסד אפערייטארס צו לידיס שטרוי און סילק העטס, בעסטע וויידזשעס. די סאוואי העט קאמפאניע 260 ספעדינא עוועניו.
10373—2—29

## ספעשעל

די סיטי דיי ווארקס פערדענט פול דרעס סוטס, פרינץ אלבערטס, און סילק העטס, טעלעפאנירט אדער קומט פערזענליך. קאל. 2628.
349—51 קאלעדזש סטריט.
9509—6—11

## ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פארקויפען אן איינגעטרייטע קלאדינג און דזשענטס פארנישינג סטאר דאן טאון, נאר די וואס מיינען ביזנעס זאלען זיך מעלדען אין 143 קווין וועסט.
10339—2—26

איבערצוגעבען א שאפ מיט מאשינעריע גוט פאר ענע שניידער. נייער פלענט. פרעגען עקסלער 100 ד'ארסי סט.
10247—3—2)

א זעלטענע געלעגענהייט פאר א מאן וואס וויל א גוטע ביזנעס. צו פארקויפען אין וועלאנד אנטעריא און איינגעטרייטע דזשאנק ביזנעס און סעקאנד הענד סטאר, לאט 150 ביי 50, 7 רומס אלע קאנוויניענס א גרויסער בארן, סטייבעל, א טשיקען קוב און אויך א פידזשען קוב 5 טויזענד דאלאר. קעש 1500 דאלאר נאכפרעגען 113 קווין סטריט וועסט.
10308

צו פארקויפען 30 טיילאר סטריט א הויז פון 6 רומס פראנט בריק מיט אלע קאנוויניענס פאר 1750 דאלאר נאכפרעגען 62 גרענדזש עוועניו, א גרויסער בארגיין
10319 2 29

צו פארקויפען א הויז פראנט בריק מיט אלע קאנוויניענס 21 פוט פראנטיידזש 180 פוט טיעף. 170 וואן סטריט. נאכפרעגען 153 סענטער עוו. מיסטער בוירגענשטיין.
10322 2—2

צו פארקויפען א שעהר פון א גוטע ביזנעס, גאראנטירט א לעבען צו מאכען. די אורזאכע וואס איך פארקויף מיין שעהר איז ווייל איך בין געבליבען אן אלמנה און קען ניט אטענדען צו די ביזנעס. נאכפרעגען די טורנער קאמפאניע 106 פראנט סטריט, איסט
10349—3—2

4500 דאלאר — אנטאריא סטריט, 8 צימערען, סאליד בריק, סעמי דעטעטשט, גוטער פורנעס, עלעקטריק, גאראזש.

4800 דאלאר, באלדווין סטריט, פונקט איסט פון ספעדינא, 8 צימערען בריק, סעמי דעטעטשט, גוטער פורנעס.

6000 דאלאר, אוק סטריט דריי הויי־

צו פארקויפען אין 22 שאהא סטריט א הויז מיט אלע אימפרואוועמענטס אורזאכע פארלאזט טאראנטא. מוז שנעל פארקויפט ווערען. פרעגען 22 שאהא סט.
10344—3—27

ווער זיינען פארדענט פאר 67 דאלאר א מאנאט.
בארן 803 קענט בילדינג.
10350—2—2

צו פארקויפען 3 רומס פארניטשור מוז פארקויפט ווערען ביז שבת, אורזאכע פארלאזט טאראנטא. פרעגען 8 בולווער סטריט.
10365—2—29

## ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט ארעליי 143
פאר מעסענדזשער.
די פארטען שערען געשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער.
אלע פארטען רייזער בליידס געשארפט, אויך די געוועהנליכע רייזערס געשארפט און געשליפען און ארייננעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.
מיר קומען נאך דער ארבייט.
די אלערס, שארפער, רעג
184 באטהורסט סט. טאראנטא, אנט.

פלאמבינג און היטינג קאמפארט קא. מיר מאכען אלע ארבייטען ביליג בעסטע צופרידענהייט גאראנטירט 493 קווין סט. וועסט טעלעפאנירט עדלייד 5277 קומען מיר גלייך מאכען דעם דזשאב.
9443 * *

## איך פייפער און פיינט

מיט די בעסטע פיינט און שעהנסטע פייפער צו די ביליגסטע פרייזען, ווי אויך פארקויף איך פייפער און פיינט ביליג. די בלור פיינט סטאר 856 בלור סטריט. פאן קענוואוד 4252.
10348—4—8

## פייפערהענגיג און פיינטינג.

איך מאך בעקאנט דאס איך מאך יעצט די בעסטע ארבייט צו מעסיגע פרייזען.

שאפירא, 68 מיידזשאר סט. טעלעפאן קאלעדזש 2229.
10272—3—19

## איך פייפער און פיינט

אייער אלט באקאנטער פייפער־הענגער און פיינטער לאזט וויסען זיינע קאסטימער אז מיר מאכען יעצט אונזער ארבייט ביליגער ווי ארום פסח. ריגנט אפ יעצט פארלאזטזיך נישט אויף שפעטער, ווייל עצט וועט אהר סייפען 30 פראצענט פון דאלאר. סעם קייטס 166 אסינגטאן עוו. טעלעפאן פארקדייל 3394.
10223—3—16)

## דעכער צו פיקסען

און נייע מאכען, סלייטס, שינדעל, גראוועל און פייפער, ביליגע פרייזען אויף אויסצאהלען. בעסטע גאראנטי. נעהמט פרייזען פון ענע רופערס, גאכהער פרעגט מר. ס. א. מענהיעם קא. 130 יוראן סט. טעלעפאן קאל. 3859.
10205—3—15

## ארבייטער פערלאנגט

עקספיריענסד בוקקיפער און טייפיסט פארלאנגט. מיידעל אדער באי, 5 טעג א וואך ארבייט, גוטע וויידזשעס צום ריכטיגען פערזאן. טאראנטא מעטאל קא. 231 קינג סט. איסט.
10243—2—26)

פארלאנגט א פרוי פאר לייכטע הויז ארבייט פאר 2 פערזאנען פאר אן אנשטענדיגע אידישע פאמיליע, קען האבען א גוטע היים. נאכפרעגען באריס 139 ארעלייד וועסט. טעלעפאן ארעלייד 207
10334—2—27

פארלאנגט פאר אפערייטארס גוטע וויידזשעס נאכפרעגען ל. סאבעל 410 יאנג סטריט.
10337—2—26

א בעקער דרייווער פערלאנגט 231 מאריע סטריט דזשאנקשאן, סטעדי ארבייט און גוטע וויידזשעס.
10359—3—3

פערלאנגט מיידלאך וואס קאנען עמבראודערי און האנט ארבייט. בעסטע וויידזשעס אין שטאדט, אויך מיידלאך צו לערנען. ווינקלער עמבראודערי 49 עליזאבעט סטריט. ארעל. 5826.
10369—2—29

פערלאנגט א פרוי אדער א מיידעל פאר הויז ארבייט. גוטע וויידזשעס צום ריכטיגען פערזאן. קליינע פאמיליע. נאכפרעגען ג. דייוויס 207 קינג סט. וועסט. קיטשענער, אנטעריא.
10370—2—29

פערלאנגט א פרוי אדער א מיידעל פאר הויז ארבייט ביי קליינער פאמיליע, גוטע וויידזשעס און א גוטע היים פאר דער ריכטיגער פערזאן. נאכפרעגען מר. דייוויס 207-209 קינג סט. וועסט. קיטשענער אנט.
10279—2—26)

פערלאנגט עקספיריענסד קלאדינג און דזשענטס פארנישינג סיילסמאן. מוז אויך זיין א גוטער סטאק קיפער. גוטע וויידזשעס צו דעם פאסענדען מאן. נאכפרעגען יוניווערסאל קלאטהינג קאמפאניע 972 בלור סטריט וועסט.
10352—2—27

פערלאנגט אפערייטארס צו לידיעס סוטס ערשטע קלאס ארבייטער, סטעדי ארבייט א גאנץ יאהר. נאכפרעגען זאפארט קראון קלאוק קאמפאניע 115 קינג סטריט איסט.
10325—3—1

פארלאנגט א שניידער אדער א גוטען פינישער צו א לידיס טיילארינג 1275 דאנדעס וועסט.
10330—2—2

באטאן נייערס און פינישערס צו ליידיס קאוטס און סוטס, גוטע וויידזשעס און סטעדי ארבייט. אמעריקאן קלאוק קא. 92 פיטער סטריט.
10329—2—25

פארלאנגט א פארטנער צו א גוט געהענדע קלאדינג מאנופעקטשורינג מוז זיין א גוטע ביזנעס מאן און אויך האבען פון 3 טויזענד ביז 5 טויזענד דאלאר קעש. שרייבט זשורנאל באקס 777
10333—2—26

פארלאנגט א פינישער צו באיס קאוטס בעסטע וויידזשעס געצאהלט — 479 קווין סטריט וועסט 2־טען פלאר.
10332—2—26

פאטרעט, אגענטען פארלאנגט, די בעסטע פרינטס, גוטער פיניש און פריימס. נידעריגע פרייזען און זארגפעלטיגע דיענסט, קומט אדער שרייבט צו די יונייטעד ארט קאמפאניע, 4 בראנזוויק עוועניו, טאראנטא.
1032—3—23

אפערייטארס און פינישערס צו פענטס פארלאנגט. גוטע וויידזשעס און סטעדי ארבייט. מענער אדער פרויען. פרעגען גלאוב טיילארינג קאמפאניע 285 קווין וועסט.
10331—2—26

פערלאנגט פינישערס צו סקוירטס און דרעסעס. בעסטע וויידזשעס געצאהלט. נאכפרעגען ארטיסטיק דרעס קאמפאניע. 172 קינג סטריט וועסט.
10351—2—27

טרעוולער מיט 8 יאהר עקספיריענסד פארלאנגט איין ליין פון מענער אדער לידיס קלאדינג. קען אנפאנגען דעם ערשטען מארטש. לאזט וויסען אין זשורנאל אפיס באקס 739.
10345—2—29

פארלאנגט א דרייווער. נאכפרעגען פאומאנס סאדע וואסער פעקטארי, קערהאול און סענט פעטריק.
10340—2—27

פארלאנגט א שניידער אדער א גוטען פינישער צו א לידיס טיילארינג 1475 דאנדעס וועסט.
10330—2—25

פארלאנגט מיידלאך צו לערנען אויף א סינגער באטאן האול טעקער מאשין. נאכפרעגען 190 ריטשמאנד סטריט וועסט
10354—2—26

א בארבער פארלאנגט מוז זיין א גוטער ארבייטער, סטעדי ארבייט און העכסטע וויידזשעס, סעמיועלס 266 קווין סטריט וועסט
10356—2—27

# וואס הערט זיך אין האמילטאן

(פון אונזער קארעספאנדענט) יונה ל. שעכטער.

יעס, רבותי, ס'הערט זיך א סך אין האמילטאן די לעצטע 2 וואכען. ביז יעצט ווען ס'האט זיך עפעס געהערט, איז עס געבליבען צווישען אונזערע, ד. ה. די ניט אידען, האבען דערפון ניט געהערט. מיר האבען אבער פראגרעסירט. מיר שעהמען זיך ניט, מעוזה פאר דער קריסטליכער בעפעלקערונג, מיר וואשען און טריקענען אונזערע וועש אין דער עפענטליכקייט.

יעדער צד, ווי געוועהנליך, ווארפט די שולד אויפ'ן צווייטען, און דער שרייבער גאראנטירט ניט פאר קיין טייל פון דיזען אינצידענט אלס ריכטיג.

דער היגער ועד הכשרות וואס איז צוזאמען געשטעלט פון דעלעגאטען פון 4 שוהלען און א 3 ארגאניזאציעס האט אויסגעארבייט א פלאן צו האבען א בית הטבילה אין האמילטאן אויסצוהאלטען פון האלבע סענטען, פון א טעקס אויף יעדען פונט כשר'ע פלייש. ס'הייסט דאס די שלאכט הייזער האבען צוגעשטימט צו פארקויפען פלייש צו די בוטשערס פאר 17 סענט א פונט טראָצדעם וואס דער "ריטיילער" פרייז דארף זיין 17½ סענט. די בוטשערס זאלען צאהלען דעם האלבען סענט, און רעכנען דעם האלבען סענט צו די פערברויכער. און נאכהער עס צוריק געבען דעם ועד הכשרות פאר דער מקוה. דער פלאן איז געפעלען געווארען אגעט. דער ועד הכשרות וויסענדיג דאס ניט אין א מקוה, טענה'ט ער, און וויל ניט קאלעקטען האלבע סענטען פאר א צווייטען. אויב יע קאלעקטען וויל ער האבען בעצאהלט א האלבען סענט פאר זיין ארבייט צו קאלעקטען דעם האלבען 3 בוטשערס דעם פיגורען ניט. ער גלייבט די אנדערע בוטשערס זענען דאפיר, און די 3 שוחטים זענען אויך אנגעשלאסען אין ועד הכשרות. האט בעפוילען די שוחטים ניט צו שעכטען ביז יענער בוטשער וועט צושטימען צום דעם פלאן. 3 טעג זענען פאריבער, און כשר'ע פלייש איז ניט געווען. דער ועד הכשרות האט דאן בעפוילען צו שעכטען פאר די בוטשערס וואס שטימען איין צום פארשלאג, און פאר יענעם ניט. ווען די שוחטים זענען אוועק אין שלאכט הויז האבען זיי גע זאגט צו ווייסען דאס עס פעהלען בהמות אין האמילטאן און ס'איז ניטא וואס צו שעכטען.

די שוחטים איז דיזע נייעס געווען אומבעגרייפליך, ס'פעהלען בהמות אין האמילטאן, סאַ'ז א ליגען האבען זיי געשריהען, עס האט ניט געהאלפען, אין יעדען שלאכט הויז האבען זיי בעקומען אזא ענטפער.

יעצט וועלען מיר זיך צוריק אומקעהרען צום בוטשער וואס וויל ניט, און גלייבט ניט אין א מקוה וואו ער זאל דארפען קאלעקטען די האלבע סענטען אומזיסט, דיזער בוטשער, וועלכען מיר וועלען רופען עף מר. עף האט אויך ניט געשוויגען דורך דער צייט, און נאך פיעל אנשטרענגונג האט ער 2 פון די 3 בוטשערס בעאיינפלוסט אבצורייסען זיך פון דער השגחה פון ועד הכשרות, הייסט עס האבען מיר שוין 3 בוטשערס פון איין זייט, וועלכע ווערען פון ועד הכשרות ניט אנערקענט, און איינעם אין יארק סט. מר. גינזבורג וואס האט זיינע בעציהונגען מיט'ן ו. ה. ניט אבגעבראכען, די שוחטים זענען געשטאנען צוזאמען מיטן ועד הכשרות. אין דער פירגוסאן עוו. שוהל געפינט זיך א חזן, וואס איז אויך מוהל, מלמד, און שוחט, מיט 6 מאנאטען צוריק ווען ער האט אריינגעמישט אין האמילטאן האט ער אנשטאט צו חזנות מלמדות און מוהל'שאפט אויך זיך געוואלט נעהמען צו שחיטה.

דער ועד הכשרות האט איהם אויפגעציינט דאס עס זענען פארהאן 3 שוחטים אין האמילטאן וואס מאכען א גוט לעבען פון שחיטה ווייל מלמדים זענען זיי ניט, חזנים אויך ניט, אויסער שוחט האלפערין וואס איז מוהל, און פאלגליך וואלט עס געווען א פערברעכען צו נעהמען ביי די שוחטים זייער פרנסה, אדער א טייל פון דער פרנסה און עס געבען צום חזן, דער סוף איז געווען דאס דער חזן שוחט א. ז. וו. האט זיך אנגעשלאסען אין ועד הכשרות מיט'ן בעדינג, וואס ער האט אליין אונטערגעשריבען, ניט צו שעכטען בהמות, ניט צו שעכטען אין בוטשערשאפס, בלויז דאס רעכט צו שעכטען עופות. דיזער חזן שוחט וואס האט געזוכט זיך נוקם צו זיין אין ועד הכשרות פאר די בעשרענקונגען צו וועלכע ער האט געמוזט צושטימען, האט יעצט געפונען די פאסענדע געלעגענהייט. מר. עף דער בוטשער האט געשלאסען א קאנטראקט מיט דיזען שוחט חזן, מלמד, מוהל, און מסדר קידושין, צו זיין דער שוחט פאר מר. עף, און אויך די 2 אנדערע בוטשערס וואס זענען ניט געווען צופרידען מיט'ן ועד הכשרות צוליעב א בעשולדיגונג פון לעצטע דאס די פלייש, אדער א טייל פון פלייש ווערט ניט גוט געטרעפערט, און זייערע שפעטער. הייסט עס האבען מיר שוין א' בוטשערס, א' א שוחט, און עס האבען נאך געפעהלט בהמות וואס זאלען זיך לאזען שעכטען. מר. עף איז אוועק צו די שלאכטהייזער און האט מיט זיי אויך געשלאסען א קאנטראקט, פאר א געוויסען פרייז צו בעקומען פלייש. נאך מעהר עס ווערט בעהויפטעט דאס א דאנק זיין איינפלוס האבען די שלאכטהייז מענעדזשערס זיך פערפליכטעט ניט צו פערקויפען פלייש פאר די אנדערע שוחטים. דאס ערקלעהרט שוין ווארום די שוחטים האבען בעקומען א' ענטפער דאס עס פעהלען בהמות אין שטאדט. דער ועד הכשרות האט אויך ניט געשוויגען, און געשיקט די שוחטים קיין טאראנטא צו שעכטען דארטען און ברענגען פלייש פאר דעם איינציגען בוטשער וואס איז געבליבען מיט'ן ו. ה. איניגע אידען זענען אוועק אין א היגער ענגלישער רעדאקציע, און איבערגעגעבען די געשיכטע צום דרוקען. אין נעקסטען טאג האבען שוין טויזענדער קריסטען געוואוסט דאס האמילטאנער אידען האבען ניט קיין כשרה פלייש, ווייל די "ראביים" ווילען מעהר געלד. איבער נעקסטען טאג לעזען מיר ווידער אין די צייטונגען אויפ'ן ערשטען זייט א בעשרייבונג "וועגען די אידישע כשרע פלייש." צוזאמען מיט א בריעף פון דעם וויס פרעזידענט פון דער יוניטעד היברו אסאסיאיישאן. דארטען אין בריעף ווערט געזאגט, דאס די נעכטיגע געשיכטע איז ניט אמת, עס סטרייקען ניט די ראביים נור די שוחטים, ווייל די בוטשערס ווילען ניט געבען א האלבען סענט פאר טשאריטי איבערהויפט. זאגט דער בריעף, זענען קיין "ראביים" אין האמילטאן ניטא. עס געפינט זיך איין "ראביי", מר. בערגער וואס האט דער מיט גאר ניט צו טון. אונטען גלייך אונטער בריעף ווערט שוין געשריבען פון דער רעדאקציע, דאס עטליכע אידען בעהויפטען דאס ראביי לעווין איז אויך אן אנערקענטער "ראביי" אין שטאדט ריזע בעמערקונג פון דער רעדאקציע, הייסט עס האט שוין געווארפען א חשד אויפ'ן בריעף, וועלכער האט געזאלט אבלייקענען וואס ס'איז געווען געשריבען מיט א טאג בעפאר.

ס'איז דיזעלבע געשיכטע ווי מיט'ן חד גדיא, ואתא שונרא. ואתא כלבא ואתא חוטרא. און דעם אמת ווייסען די קריסטען נאך יעצט אויך ניט, צו האבען מיר איין "ראביי" אדער 2 "ראביים" צו סטרייקען די רבנים, סטרייקען די שוחטים.

די ענדע דערווייל איז אט וואס, די יוסאן סטריט שוהל וואו מר. בערגער איז ראביי האט פון יעצט אגב קיין אנטייל ניט גענומען אין דעם [illegible] הכשרות. יעצט אבער האט די שוחט זיך פעראינטערעסירט דארין, און ניט קלעהרענדיג א סך איינגעלאדען קיין האמילטאן ראביי לעווין פון סינסינעטי. ראביי לעווין איז ראב' גארדאן פון טאראנטא צו א בעראטונג, און אויך אלס א דזשאדזש ארויסצוגעבען אן אורטייל צו דאס פלייש וואס ווערט געשאכטען בי דעם חזן־שוחט איז כשר צו טריפה. ראביי לעווין איז אויך געווען דארטען. עס זענען אבגעהאלטען געווארען פאר קאנפערענצען, און נאך־קאנפערענצען. ס'איז זעהר שווער צו דערגעהן א מאלק. די מיינונג פון די רבנים זענען אויך פערשידענע. אין רב פון טאראנטא האט ערקלעהרט דאס די פלייש איז ניט כשר, נאכהער הייסט עס, צוגעגעבען ס'איז יא כשר אונטער געוויסע בעדינגונגען, אלעס וואס ס'איז יא בעוואוסט איז דאס דער חזן שוחט האט דערווייל געשלאסען א קאנטראקט פאר 50 דאלאר א וואך, ניט א מאנאט, נאר א וואך, און דאס פלייש איז כשר, ביז, ביז א נייער ועד הכשרות וועט ארגאנירט ווערען מיט נייע אפיסערס, א נייע קאנסטיטושאן א. ה. ג. דער נייער ועד הכשרות וועט הייסט עס האבען די אויפזיכט איבער אלע שעפער.

* * *

א פערטרעטער פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע האט בעזוכט האמילטאן אין די אינטערעסען פון דעם קאמפעין, צו שאפען איין מיליאן דאלאר אין קאנאדע פאר רעליעף.

דער פאלקס פארבאנד האט ארראנזשירט א מיטינג פאר'ן גאסט און, דער פערטרעטער האט פארגעלעגט דעם פלאן וואס איז איינשטימיג אנדארסירט געווארען, עס איז אויסגעקליבען געווארען א קאמיטע פון 3 פון פערבאנד, וועלכע וועט זיך פערבינדען מיט א אנדערע קאמיטע פון די רייכערע אידען, און די 6 קאמיטע לייט צוזאמען וועלען אונטער דער השגחה פון א גענעראל קאמפעין קאמיטע וואס וועט בעשטעהן פון היגע קריסטען, אנפיהרען די ארבייט צו שארפען די סומע וואס האמילטאן דארף געבען אלס איהר טייל צום מיליאן דאלאר פאנד.

דאס אייגענטליך איז דער פלאן און עס בלייבט איבער צו האפען, דאס עס וועט דעם פערטרעטער געלינגען דורכצופיהרען עס לויט עס איז אויסגעארבייט. פאלגענדע געלדער זענען געזאמעלט געווארען פאר די מלחמה קרבנות אין די לעצטע עטליכע וואכען.

ביי חתונות

| | |
|---|---|
| גאלדבלאט לעווינסאן | $ 550.00 |
| ש. גארין | 46.00 |
| קליין קעסלער | 33.05 |
| קאפלאן | 27.00 |
| א ברית ביי משה רעזניק | 20.00 |
| א ברית ביי מ. קאפלאן | 24.00 |
| א בר. מצוה ביי פינקעלמאן | 21.70 |
| א בר מצוה ביי ס. טשערניצקי | 17.20 |
| א תנאים ביי נ. שיפמאן | 18.50 |
| קאנצערט פון קינדער ת"ת | 11.00 |
| לוידים פער. פראפיט באל. | 405.00 |
| פראפיט פון חנוכה ליכטלאך | 50.75 |
| מאנאטליכע זאמלונגען | 102.81 |
| צוזאמען | $1.387.01 |

ווי ס'איז צו זעהן פון דיזען בעריכט איז בלויז א קליינע אונבעדייטענדע סומע ערגעגעקומען פון מאנאטליכע און וועכענטליכע אבצאהלונגען. דאס איינציגע גליק איז וואס ס'קומען פאר חתונות בריתן און אנדערע אונטערנעהמונגען. וואס פיהלען מיט די שמערצען פון די וואס ווארטען צו ווערען געהאלפען, און מען פארגעסט ניט אן זיי. ס'איז זעהר א פרעהליכע ערשיינונג צו שאפען ביי א חתונה $550.00 און ביי א באל 405.00 דאלאר פאר אזא שטאט ווי האמילטאן.

אין די נעקסטע עטליכע מאנאטען וועלען די וועכענטליכע קאלעקשאנס ווערען פערגרעסערט דער פערבאנד האט בעוויליגט 500 דאל. צום קרעדיט פון ברענטש 11 האמילטאן אלס דעם ברענטש טייל צו די 25 טויזענד דאלאר וואס דער אידיש נאצ. ארבייטער פערבאנד שאפט פאר רעליעף. דער בעדינג איז, דאס ברענטש עלף זאל דערפאר צושטעלען גענוג קאלעקטארס פאר די נעקסטע 2 מאנאטען צו בעזוכען אלע וואס פלעגען צאהלען רעגולאר, נור א דאנק די קליינע צאהל קאלעקטארס זענען די דיסטריקטס ניט בעזוכט געווארען פאר די לעצטע 5 אדער 6 מאנאטען. ביידע צדדים וועלען האבען א בארגען דער פאלקס פערבאנד וועט בעניצען די בעציהונגען מיט אלטע צאהלער און אנקאלעקטען פערגעסענע חובות, און דער זעלבער צייט פון דאסע איין סענט ניט דערלענגען. די געלד געהט יעדען פאלס צו דער דיסטריביושאן קאמיטע, נור אויפ'ן קרעדיט פון ברענטש 11 אידיש נאצ. ארב. פערבאנד דער ברענטש וויעדער האט די געלד גע־ניט שאפען. און דער לייכטסטער מיטעל איז צו שטעלען א 15 קאלעקטארס פאר די נעקסטע 2 מאנאטען. דער ברענטש וועט אויך האבען דעם קרעדיט צו זיין דער ערשטער וואס האט זיין טייל שוין "געשאפען". איינענטליך וואלט ניט אויסגעמאכט ווען די 15 מעמבערס זאלען אנהאלטען די ארבייט ניט בלויז פאר 2 מאנאטען, נור טאקע ביז דער צייט, ווען ס'וועט שוין ניט נעטיג זיין צו שאפען געלד פאר די אייראפעאישע אידען. פיעליבט וועלען זיי עס טאקע אזוי טון.

# ווי בלינדע "זעהען".

די נאטור איז גרויזאם, זי איז אבער בארמהערציג. אין ווען דער מענש פארלירט איינעם פון זיינע חושים, באקומט ער איהם דערמיט וואס זיינע איבעריגע חושים נעהמען איבער די אויגענשאפטען און העלפען איהם פיעל ארויס ספעציעל קען מען דאס זעהן ביי בלינדע.

פראפעסאר פראוער, א בארימטער מעדיצינישער עקספערט. אליין א בלינדער, האט ניט לאנג פארעפענטליכט א בוך וועגען דעם ווי בלינדע זעהען, ער שרייבט:

ווען בלינדע שלאגען זיך אן אן עפעס, דאס קומט פון דעם וואס געהענדיג לויפט בעפאר אונז א כוואליע ווינד וועלכע אונזער קערפער שטויסט פאראויס. ווען אט דער ווינד שלאגט זיך אן אן א האַרטער זאך געהט ער אויף צוריק. דער בלינדער דערפיהלט גלייך די באוועגונג און דאס איז פאר איהם א גענוגענדע ווארנונג.

דער חוש פון פיהלען איז זעהר ענטוויקעלט ביי די בלינדע. ער דערצעהלט פון איין בלינדער מיידעל וואס האט געקאנט לייענען ווערטער האלטענדיג די האנד פון עמיצען וואס האט געשריבען מיט א בלייפעדער. די באוועגונג פון דער האנט איז געווען גענוג צו דערצעהלען איהר וואס ער שרייבט. ווען מ'שפיעלט עפעס אויף דער פיאנא לעגט זי ארויף די האנד אויף דער פיאנא און זי ווייסט שוין וואס מ'שפיעלט.

דער חוש המישוש איז, ווי געזאגט, זעהר שטארק ענטוויקעלט ביי די בלינדע. געוועהנליך קאנען זיי אליין פיהלען מיט די שפיץ פינגער. אן אנדערש מאל קאנען זיי מיט די פינגער ניט אויסקומען און בענוצען זיך דאן מיט'ן שפיץ צונג. וועלכער איז דער פילבארסטער פלאץ אין דעם מענשליכען קערפער.

איינער א בלינדער באטאניסט, שוין אן אלטער מאן האט א טאפ געטאן מיט'ן שפיץ צונג א בוים און גלייך אנגערופען זיין נאמען. ער האט שפעטער ערקלעהרט אז ער האט שוין ניט געזעהן דעם בוים פופציג יאהר.

איין בלינדע פרוי קאן א טאפ טוענדיג א פאפירענעם בילעט זאגען וויפיעל געלד דאס איז. זי פיהלט דעם שריפט אויף דעם פאפיר גלייך. [illegible] מיידעל, א בלינדע, האט געקענט דערקענען א מענשען נאר דעם ווי זי האט באטאפט זיינע הענט. אויב אבער ער האט נאר וואס געהאט אפגעוואשען די הענט מיט זייף און וואסער איז דאס איהר אנגעקומען זעהר שווער.

ביז אהער פלעגט מען לערנען לייענען די בלינדע דורך ספעציעלע בולטע בוכשטאבען. איצט האט מען אויסגעפונען אזא טעלעפאן וואס רופט זיך פאנאפטיקאן. מ'פיהרט דעם רעסיווער איבער געוועהנליכע געדרוקטע בוכשטאבען, און יעדער בוכשטאב גיט ארויס א באזונדער קלאנג וועלכער דער בלינדער הערט גאנץ קלאהר.

זייער חוש השמיעה איז אויך אויסערגעוועהנליך ענטוויקעלט. פארשידענע קאלירען זעהען די בלינדע מיט די אויערען. רויט רופט ארויס ביי זיי א קלאנג ווי פון א פייף, וועהרענד גרין, גיט ארויס א רוהיגען קלאנג. ווען א בלינדער פאהרט קאן ער גלייך דערהערען ווען מ'פאהרט דורך פארביי בוימער, טעלעפאן סלופעס, אדער אויפ'ן פרייען פעלד.

בלינדע קאנען אויך זעהן מיט זייער מארך. איינגע פראפעסארען פון דער וואשינגטאנער אוניווערזיטעט האבען אויסגעפרובט א ספעציעלען עלעקטרישען צילינדער, אוועקשטעלענדיג אויפ'ן קאפ פון א בלינדען און ער האט ערקלעהרט דאס ער האט געזעהן ליכט.

אויסער דעם איז דא בלינדע וואס זיינען ניט געבוירען געווארען אזוי. זעהען אלע מאל אין זייערע חלומות. זיי מעגען זיין איינגאנצען בלינד פאר פופציג יאהרען זעהען זיי גאנץ גוט אין חלום.

ביי בלינדע איז אויך שטארק ענטוויקעלט דער חוש הריח און זיי קאנען אפטמאל דערשפירען אזעלכע ריחות וואס א זעהענדיגער קען ניט.

טעלעפאן ארעלייד 5615
דר. מ. קייטס
דענטיסט
218½ קווין וועסט.
(קאר. מיקאל סטריט)
טאראנטא

אנהויב יאהר אין מיטען יאהר אדער סוף יאהר
געלד דארף מען תמיד האבען
שפארען איז דער וועג צו געלד פארמאגען
עפענט אויף פאר זיך אדער פאר אייער קינד א סייווינג אקאונט דאס אפגעשפארטע געלט וועט אייך שטענדיג צונוץ קומען
מיר צאהלען פראצענט האלב יעהרליך
מר. ה. וויינבערג
BANKER
251 קווין סטריט וועסט
אנטאפיס פון
"אידישען זשורנאל"

שטה פערלאנגט
נסר בוקקיפער און טייפיסט
מיידעל אדער באי, 5 טעג א
ייט, גוטע וויידזשעס צום
רזאן. טאראנטא מעטאל קא.
. איסט.
10243—2—26)
נגט א פרוי פאר לייכטע הויז
ר 2 פערזאנען פאר אן אנ־
אידישע פאמיליע, קען האָ־
ע היים, נאכפרעגען באַרים
יד וועסט. טעלעפאן ארע־
.1033
נגט פאר אפערייטארס גוטע
נאכפרעגען ל. סאבעל 410
ט.
1033
קער דרייווער פערלאנגט 231
ריט דזשאנקשאן, סטעדי אר־
וטע וויידזשעס.
103
ט מיידלאך וואס קאנען עמ־
און האנט ארבייט. בעסטע
אין שטאדט, אויך מיידלאך
ווינקלער עמבראודערי 49
סטריט. אדעל. 5826.
1036
נגט א פרוי אדער א מיידעל
ארבייט. גוטע וויידזשעס
ען פערזאן. קליינע פאמיליע
עגען ג. דייוויס 207 קינג סט.
קיטשענער, אנטעריא.
.1037
נגט א פרוי אדער א מיידעל
ארבייט ביי קליינער פאמיליע,
זשעס און א גוטע היים פאר
נער פערזאן. נאכפרעגען מר.
207־2 קינג סט. וועסט. קיט־
ג.
10279—2—26)
נט עקספיריענסד קלאדינג און
פארנישינג סיילסמאן מוז
א גוטער סטאק קיפער. גוטע
צו דעם פאסענדען מאן.
פרעגען יוניווערסאל קלאטהינג
972 בלור סטריט וועסט.
10352
אנגט אפערייטארס צו לידיעס
טע קלאס ארבייטער, סטעדי
גאנץ יאהר נאכפרעגען זא־
אין קלאוב קאמפאניע 115 קינג
סט.
1032
אנגט א שניידער אדער א גוטען
צו א לידיס טיילארינג 1275
ועסט.
.10330
נייערס און פינישערס צו לייד
ס און סוטס, גוטע וויידזשעס
י ארבייט. אמעריקאן קלאוק קא.
ר סטריט.
10329
נגט א פארטנער צו א גוט גע־
לאדינג מאנופעקטשורינג מוז
טע רביזנעס מאן און אויך האָ־
3 טויזענד ביז 5 טויזענד דאלאר
שרייבט זשורנאל באקס 777
10333
נגט א פינישער צו באָיס קאוטס
יידזשעס געצאהלט — 479 קווין
עסט 2־טען פלאר.
10332
טעט, אנגענעהם פערלאנגט, די
פרינטס, גוטער פיניש און
נידעריגע פרייזען און זארג־
דיענסט, קומט אדער שרייבט
ייטעד ארט קאמפאניע, 4 בראנז־
עניו, טאראנטא.
.1032
יטארס און פינישערס צו פענטס
וט. גוטע וויידזשעס און סטעדי
מענער אדער פרויען. פרעגען
יילארינג קאמפאניע 285 קווין
10331
לאנגט פינישערס צו סקוירטס
נסעס. בעסטע וויידזשעס גע־
נאכפרעגען ארטיסטיק דרעס
יע. 172 קינג סטריט וועסט.
.10351
לער מיט 8 יאהר עקספיריענסד
נט איין ליין פון מענער אדער
קלאדינג. קען אנפאנגען דעם
מארטש. לאזט וויסען אין
אפיס באקס 739.
10345
רלאנגט א דרייווער. נאכפרעגען
נס סאדע וואסער פעקטארי, קער־
ון סענט פעטריק.
10340
רלאנגט א שניידער אדער א גוטען
ר צו א לידיס טיילארינג 1475
ס וועסט.
10330
לאנגט מיידלאך צו לערנען אויף א
באטאן האול טעקער מאשין.
עגען 190 ריטשמאנד סטריט וועסט
10354
ארבער פערלאנגט מוז זיין א גוטער
וער, סטעדי ארבייט און העכס־
יידזשעס, סעמיועלס 266 קווין
וועסט.
10356

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
Subscription Rates $5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents
Entered as Second Class Mail Matter at C. P. O. Toronto Ontario
January 22nd. 1913.

# דער קאמף מיט'ן באלשעוויזם און אנטיסעמיטיזם

צו דער צייט, וואס דער הויכער ראט האט באשלאסען צו שיקען א קאמיסיע קיין רוסלאנד אונטערצוזוכען דארטען די לאגע אינ'ם נאמען פון דער דערווייליגער האלב־טויטער נאציאנען ליגע, צו דער צייט, וואס סיי אין דער פרעסע, און סיי ביי אנדערע געלעגענהייטען, רעדט מען שוין יעצט גאנץ אנדערש וועגען דער סאוויעטען־רוסלאנד, נאך וועמענ'ס האנדעל מען גארט אזוי, צו דער זעלבער צייט ווערט אלץ קלעהרער, אז דער קאמף געגען דעם באלשעוויזם, וואס ווערט יעצט אנגעפיהרט אין א גרויסען טייל פון אייראפע, איז ניט מעהר ווי א מאסקע פאר אנטיסעמיטישע אנפאלען אויף אידען.

ניט לאנג צוריק איז אין ווארשע פארגעקומען א צוזאמענפאהר צו באקעמפען דעם באלשעוויזם. גאנץ ווייניג האט מען אין דער פרעסע געמעלדעט וועגען דיעזען צוזאמענפאהר, צו וועלכען עס האט אויך געזאלט ספעציעל ארונטערפאהרען קיין ווארשא, מארשאל פאש, אבער וועלכער האט שפעטער אויפגעגעבען דיעזע רייזע.

די טעג אבער, זענען אהער אנגעקומען די ווארשעווער אידישע צייטונגען, און דורך זיי דערוויסען מיר זיך, אז דער צוזאמענפאהר געגען באלשעוויזם איז גאר געוועזען „א צוזאמענפאהר צו פארשפרייטען אנטיסעמיטיזם".

די ווארשעווער בונדיסטישע צייטונג „לעבענס־פראגען" טיילט מיט פאלגענדען אינצידענט וועגען דיעזען צוזאמענפאהר, וואס כאראקטעריזירט גאנץ בולט די באציהונגען צו אידען.

די מיטארבייטער פון „נייעס פון היינט" און „מאמענט", וועלכע זענען געקומען צוגעהן אויפ'ן דריטען טאג פון אנטי־באלשעוויסטישען צוזאמענפאהר, דערצעהלען, אז צו זיי איז צוגעקומען דער איניציאטאר פון צוזאמענפאהר דער גלח אקאלא־קולאק און ערקלעהרט, אז אזוי ווי עס ווערען היינט ארומגערעדט מיליטערישע ענינים מוז ער ארויסבעטען די אידישע פרעסע־פארשטעהער, וועלכע זענען אגב לויט זיין מיינונג, אין גאנצען איבעריג אויפ'ן צוזאמענפאהר.

אונזערע מיטארבייטער, וועלכע זענען שוין זאט געווען פון טעם פון די ערשטע צוויי טעג פון צוזאמענפאהר, זענען שוין אויפ'ן דריטען טאג אליין נישט געקומען, און דעריבער האבען זיי אויסגעמיטען דעם דאזיגען „כבוד".

**אט ווי דער צוזאמענפאהר ווערט געשילדערט פון א צייטונגס־פארשטעהער פונ'ם ווארשעווער „מאמענט". —**

דער „צוזאמענפאהר" שטעלט מיט זיך פאר נישט מעהר ווי א „פובליקום", וואס פילט אן אלע אונטערנעהמונגען און פארלעזונגען פון אן אנטיסעמיטישען כאראקטער. עס זענען דא ס'רוב ווייבער, גלחים, פויערים און אויך מיליטער־לייט. קיין דיסקוסיע וועגען די מעטאדען צו בעקעמפען דעם באלשעוויזם — דאס זאל דאך זיין די אויפגאבע! — קומט דא נישט פאר. אלץ ווערט אזוי פון אורים ותומים צוגעשניטען און אויסגעלעגט, אבגע'דרש'נט, אויסגעהערט און אנגענומען.

ווען איך בין ארײן אין זאל איז אויף דער טריבונע געשטאנען עפעס א יונגער הערר און געגעבען אזוי ווי א סך־הכל פונ'ם צוזאמענפאהר. יעדעס דריטע ווארט איז — „זשידזשי" — דער באלשעוויזם — פלאנטערט ער אזוי ווי אין א היהגער־פלעט — קומט אייגענטליך נישט פון מזרח נור פון מערב, וואו עס הערשט די בעהאלטענע מאסאנעריע, וואס איז אייגענטליך די אידישע געהיימע רעגירונג. אויך אין פוילען זענען די באלשעוויקעס אידען, וועלכע שטעהען אין געהיימען קאנטאקט מיט דער מאסאנעריע א. ד. ג.

הערענדיג די דאזיגע קאפלאנע פלוידעריי האט זיך אויף מיין געזיכט וואהרשיינליך בעוויזען א מינע פון עקעל צו דער אונבעגרענעצטער מענשליכער טפשות; אין דער מינוט האבען זיך הינטער מיר צוויי פארשוינען מיט שפיציגע אויגען גענומען שעפטשען און צוגערופען דעם ביי דער טיר שטעהענדען פאליציאנט, וועלכער איז צו מיר, אמת גאנץ העפליך, צוגעגאנגען און מיר געבעטען געהן מיט איהם, מיינענדיג, אז ער האט דא געפאקט דעם ריכטיגען „באלשעוויק", געגען וועלכען מען קעמפט דא מיט אזא חכמה.

צו מיין גליק, האב איך ביי זיך געהאט א לעגיטימאציע פונ'ם „קלוב פון די סיים־זשורנאליסטען", וועלכע זאגט עדות פאר'ן פאליציאנט, אז חנם איך בין א איד, בין איך דאך נישט אזא „טונקעלער פארשוין" וועלכען מען פיהרט ארויס מיט כבוד פון דער הויכער פערזאמלונג. דער פאליציאנט האט מיר אבגעלאזט, אבער א חברה ארומשטעהענדע פארשוינען האט מיר גאנץ אפען געזאגט, אז „דא איז ניט קיין ארט פאר איך, דא איז נור פאר ספעציעל פערטרויטע מענשען, טראגט איך אב כל זמן איהר זענט גאנץ".

דערזעהענדיג, אז איך קאן באלד אויף מיין הויט דערפיהלען די רעזולטאטען פונ'ם „קאמף געגען באלשעוויזם" האב איך שנעל פערלאזט די אידעלע געזעלשאפט, ערקלעהרענדיג, אן אפיציר, וואס האט מיר נעפרעגט אויף דער סיבה פון מיין אויפרעגונג, אז ווען מען רעדט בסדר וועגען אידען דארף מען האבען דעם מוט און לאזען דאס אפען הערען".

**און אויך די רעזאלוציעס, וועלכע זענען אנגענומען געווארען אויף דיעזען צוזאמענפאהר, לאזען ניט איבער קיין צווייפעל אין דעם אנטיסעמיטישען כאראקטער זיינעם.**

**איינע פון די אנגענומענע רעזאלוציעס למשל פאדערט, אז מען זאל באזייטיגען די אידען פון דער ארמיי. און דאס איז ניט די איינציגע רעזאלוציע, אין וועלכער די אידען ווערען דירעקט אנגעגריפען.**

**דאס קומט פאר אין פוילען. וואו מען קעמפט געגען דעם באלשעוויזם, און עהנליכעס קומט אויך פאר אין אונגארן. וואו דער קאמף געגען באלשעוויזם מיינט נאר פאגראמען אויף די דארטיגע אידען.**

**אין ביידע פעלער ווערט יעצט דער העפטיגסטער קאמף געפיהרט געגען באלשעוויזם, אבער פאקטיש מיינט עס אין ביידע ערטער א קאמף געגען אידען.**

**דער קאמף מיט'ן באלשעוויזם און אנטיסעמיטיזם זענען אלזא געווארען סינאנימען, און דאך שיט מען זאמד אין די אויגען.**

# מגילת פראסקוראוו

## — דערצעהלט פון אנ'עד ראיה אינ'ם ווארשעווער „מאמענט".

אויפ'ן וועג קיין וויען איז דורך ווארשא דורכגעפאהרען דער פראסקוראווער איינוואוינער ישעיהו זינגער. ער האט דורכגעמאכט אלע צרות און רדיפות וואס די אידישע בעפעלקערונג אין פראסקוראוו האט געהאט אויסצושטעהן פון די פערשיעדענע מושלים נאכ'ן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואלוציע. ער האט אויך בייגעלעבט די שרעקליכסטע שחיטה. וואס איז ווען עס איז פארגעקומען אין דער געשיכטע פון דער אידישער מארטירלאגיע, דעם פראסקוראווער פאגראם פון ט"ו אדר א', תרע"ט.

וועגען דער גאנצער מעשה־פראסקוראוו רעדט ה' זינגער זעהר נישט גערן. דערהויפט רעדט ער ווייניג וועגען די גוואלדיגע ווילדקייטען און אונגעוועהנליכער אכזריות, וואס זענען בעגאנגען געווארען בעת דער שחיטה. דער דערשטיקטער קול און די טרעהרען, וואס שטעהען איהם דאן אין די אויגען, בעווייזען אז וועגען דעם איז ער נישט אימשטאנד צו דערצעהלען. דאס ביסעל אבער, וואס ער דערצעהלט שוין ארויס, איז שוין גענוג, איבער גענוג...

נאכדעם — הויבט אן ה' זינגער — ווי דער העטמאן סקאראפאדסקי איז פערטריבען געווארען פון קיעוו דורך פעטליורא'ס חילות, איז ביי אונז אין פראסקוראוו פערבליבען דעם העטמאנ'ס 8־ער פאלק פון ערך 140 פערזאן, צווישען זיי 26 אידען; זיי אלע זענען געווען געשטימט סאציאל דעמאקראטיש און איבער צו פעטליורא'ן. זיי האבען זיך פערהעלטניסמעסיג אויפגעהאלטען גאנץ רוהיג, און אין שטאדט האט געהערשט ארדנונג.

אין א 5—6 וואכען ארום איז אבער אין שטאדט אנגעקומען דער 3־טער היידאמאצקער פאלק, אונטער דער פיהרונג פון אטאמאן סימאסענקא, וועלכער איז אליין געקומען ערשט מיט א פאר טעג שפעטער.

גלייך מיט'ן אריינגעהן פון די היידאמאקעס האבען זיך איבער'ן שטאדט אנגעהויבען פערשפרייטען אונרוהיגע קלאנגען, און די שטימונג פון דער אידישער בעפעלקערונג איז געווארען זעהר א נערוועזע. מ'איז אוועק מיט א השתדלות צום דעמאלטיגען שטאדט גאלאוויא, דר. סטאווינסקי, א פאליאק, ער זאל זעהן נישט צו דערלאזען צו קיין אונרוהען. דר. סטאווינסקי האט די אידישע דעפוטאציע בערוהיגט. און פאקטיש האבען זיך די היידאמאקעס געהאלטען מעהר אדער ווייניגער "אנשטענדיג". אין א פאר טעג ארום האבען זיי בלויז געמאכט א רעוויזיע אויף דער געלד בערזע, פערהאלטען א גרופע אידען און צוגענומען ביי זיי דאס געלד. וואס איז לויט'ן פסק־דין פון שטאדט קאמענדאנט קוועטשקע איבערגעגעבען געווארען אין דער "קאזנא".

ווען אין שטאדט איז אריינגעפאהרען דער היידאמאקישער אטאמאן סימאסענקא, האט זיך שוין חברה א ביסעל אנגעהויבען לוסטיג מאכען, אבער ס'האט זיך אויסגעלאזען בלויז צו א פאר "טרוקענע" קלעפ, רייסען היטלען א. ד. גל.

שבת, ט"ו אדר א', אין דערפריה, האט זיך אין דער שטאדט דערהערט א שיסעריי, דער עולם האט אנגעהויבען ארויסגעהן אין גאס צו זעהן וואס דאס איז; קיינער האט אבער ניט געוואוסט, וואס דא קומט פאר. איך בין א סעקרעטאר פון א ציוניסטישער אגודה, בין איך אוועק אהין, אפשר וועט מען דארט עפעס וויסען. אזוי ווי מיר הערען דארט, קומט אריין א אידישער סאלדאט פון 8־טען פאלק און זאגט:

— "ברידער זעהט טהוט עפּיס, די היידאמאקעס טראכטען עפּיס מיאוס'ע זאכען; זיי האבען זיך פערשטעלט פאר אידען און ארעסטירט קוועטשקע'ן מיט'ן באנדע נאטשעלניק. אויך די שיסעריי איז דורך זיי פראוואצירט געווארען צווישען 3־טען און 8־טען פאלק, כדי דערנאך ארויפצוזואלפען די גאנצע שולד אויף אידען.

דאס איז געווען 9 פריה. מיר זענען גלייך ארויס אין גאס אריין מתרה צו זיין דעם אידישען עולם, מ'זאל זיצען אין די הייזער, הערען מיר: פון די פליהענדע קוילען איז צופעליג דערשאסען געווארען די זעהר פאפולערע אידישע לעהרערין טראכטענבוים מעהר וויסען מיר נישט. און ווייטער האבען מיר מורא צו געהן.

א זייגער איינס — האלב צוויי זעה איך פון מיין הויז אויף קאבענעצער גאס, ווי צו דער געגענאיבערדיגער טורמע לויפען צו 2 היידאמאקעס און לאזען ארויס די ארעסטאנטען. דארט זענען אויך געווען 2 אידען; זיי האט מען — ווי מיר האבען זיך שפעטער דערוואוסט — דערהרג'עט.

א ביסעל שפעטער איז פארבייגעפאהרען אן אטאמאן פון ערך 400 היידאמאקעס אין פולער אמוניציע מיט באגינעטען, ווייזענדיג, ווי זיי וואלטען זיך צו עפעס געגרייט.

כ'געה ארויס אין גאס. צו מיר געהט צו א בעקאנטער קריסטליכער פוהרמאן און זאגט:

— זינגער, געה בעסער אריין אין שטוב. אט נאר וואס האבען די היידאמאקעס געשטאכען א אידען.

כ'דערהער זיך א שיסעריי ביי א פלויט איז געשטאנען דער איד ישראל פאבטער מיט זיין טאכטער, א בארמהערציגע שוועסטער — ביידע זענען געפאלען טויט.

כ'געה צוריק אריין אין שטוב. פאר מיין פענסטער לויפט דורך א איד, נאך איהם — א היידאמאק מיט א מעסער אין האנד.

כ'קען נישט איינזיצען. דורך א הינטער וועג געה איך ארויס און דערזעה אביסעל ווייטער דעם אידען. ער זיצט אויף דר'ערד, קוקט מיר אן און ווייסט נישט, וואס איך רעד צו איהם. כ'פיהר איהם אריין צו מיר אין שטוב. ער קומט ביסלעכווייז צו די געדאנקען און הויבט אן רעדען:

ער קומט פון דער קופעטשעסקא, די היידאמאקעס הוליען: אידיש בלוט ווערט פערגאסען ווי וואסער. איהם איז אויסגעקומען צו געהן איבער בערג הרוגים. אט די שטיוועל זיינע זענען אזש אינגאנצען פערבלוטיגט. אפשר 1200 קרבנות... איהם אליין האט מען תחילת אנגענומען פאר א קריסט. דערנאך אבער האט איהם א היידאמאק דערקאנט...

וואס מיר לעבען געבליבענע, האבען דעם טאג דורכגעלעבט. — איז איבריג צו דערצעהלען. דעם אמת האבען מיר זיך ערשט דערוואוסט דערנאך.

4 שעה בלויז האבען זיך די היידאמאקעס לוסטיג געמאכט; אבער פאר דער קורצער צייט האבען זיי בעוויזען א תל צו מאכען פון אזא גרויסער אידישער קהלה.

צומארגענס, זונטאג האט זיך ערשט דער חורבן ארויסגעוויזען אין זיין גאנצער גרויס. אין דערפריה געהט ארײן צו מיר דער דר. ליסער, זאגט, אז מען מוז שאפען מענשען אויף טראגען די פערוואונדעטע — וועגען די הרוגים האט שוין קיינער נישט געטראכט. האבען מיר צוזאמענגעקליבען זיך א מאן 140, אנגעטהון זיך אין סאלדאטסקע קליידער און זיך גענומען דערראטעווען די, וועלכע זענען נאך אינגאנצען נישט אומגעקומען אונטער די היידאמאקישע מעסערס.

שווער איז אלץ איבערצוגעבען, וואס מיר האבען זיך דעם טאג צוגעזעהען און אנגעהערט. אנדערע פערוואונדעטע זענען געבליבען טויט ביי אונז אויף די הענד. די איבריגע האבען מיר צוזאמענגעקליבען אין די פריוואט הייזער, און פון אונזער גאנצער גאס איז געווארען איין גרויסער שפיטאל. 1354 פערוואונדעטע האבען מיר אזוי אויפגעקליבען. געארבייט האבען מיר דערביי אויך מיט מסירת נפש, איינעם פון אונז, דעם סטודענט שאמשטיין, **האבען די** אוועקגעפיהרט און דערשאסען. א חוץ דעם. איז כמעט נישט געווען קיין איינער, וואס האט נישט געהאט וועמען צו בעוויינען. ביי דער פאמיליע פון מיינער א שוועסטער־קינד, אליין, חיים פסח גלאזמאן, זענען געווען 16 הרוגים; ער מיט דער פרוי, מיט די קינדער, איידעמס, שנור און אייניקלעך. **אלע האבען זיי צוזאמען געפונען דעם טויט.**

און די שרעקליכע בילדער פון די הרוגים. בעזונדערע קעפ, פיס, פינגער פון הענד...

און די פרויען...

דעם דערצעהלערס דומפיגער קול ווערט איבערגעריסען. די אויגען ווערען איהם פול מיט טרעהרען.

— פרעגט מיך בעסער נישט, כ'קאן גארנישט רעדען וועגען דעם, כ'קאן נישט, כ'וויל נישט רעדען.

ער בערוהיגט זיך אביסעל און הויבט ווייטער אן:

מאנטאג פריה האט דער אטאמאן סימאסענקא געלאזען אויסקלעבען אויף די גאסען א בעפעהל, אז ביז דינסטאג 12 בייטאג מוזען אלע הרוגים איינגערוימט ווערען, אויב נישט — וועט ער ארויפלעגען אויף דער שטאדט א קאנטריבוציע פון 10 מיליאן רובל.

האבען מיר געדונגען 310 שליטענס און חמורים־ווייז זיך גענומען איינצולעגען אויף זיי די הרוגים. פון צוזעהן דאס אלץ זענען ביי מיין פרוי פאראליזירט געווארען די אויגען נערווען און צו דאס פיהר איך זי טאקי איצט קיין וויען.

355 קינדער פון 2 חדשים ביז 9 יאהר; 4562 עלטערע — מענער און פרויען, האבען מיר אנגעצעהלט.

אלע זענען זיי ארויסגעפיהרט אויפ'ן הייליגען ארט און בעגראבען געווארען אין [illegible] **קדושים־קברים.**

צומארגענס, דינסטאג, **דערזעהען** מיר איינגעהאנגען א נייעם בעפעהל פון סימאסענקא'ן: וועגען אונטערדריקען דעם "באלשעוויזם" האט ער שוין מיטגעטיילט פעטליורא'ן, נאך היות ווי ער זעהט זיך ווידער א באלשעוויסטישע בעוועגונג איז ער מתרה, אז ער וועט ארויסשיקן זיינע קאזאקען און וועט פון דער שטאדט קיין שריד ופליט נישט לאזען. אגב הייסט ער זיך אריינטראגען 6000 רובל. אפנים, שחיטה געלד...

און מ'האט דאס געלד אריינגעטראגען. די אידען זענען ארומגעגאנגען אבל וחפוי ראש. כבושת גנב האט מען זיך געשעמט איינער פארן צווייטען. ווער האט זיך געריכט אויף אזא זאך. מ'האט געמיינט, ס'וועט זיך אויסלאזען בלויז צו געלד, ווען נישט — וואלט מען אינגאנצען אומזיסט דאס לעבען נישט אבגעגעבען.

ביז דאנערשטאג נאך איז דאס בלוט געשטאנען אויף די גאסען. גאנצע 3—4 וואכען האבען זיך געהערט די געשרייען און די קרעכצען פון די פערוואונדעטע און גוסס'דיגע — שווער געווען פשוט א גאס דורכצוגעהן.

דערמיט אבער האבען זיך נאך די ענויים פון די פראסקוראווער אידען ניט געענדיגט די ערד האט נאך נישט בעוויזען איינצוזאפען דאס פערגאסענע אידיש בלוט, און מיר האבען שוין דערהאלטען א נייע טרויעריגע בשורה וועגען א פאגראם אין פעלשטין, א שטעדטעל, וואס ליגט 25 וויארסט ווייט פון פראסקוראוו.

נאך דער בלוט באד אין פראסקוראוו זענען די ווילדע היידאמאקעס אוועק קיין פילשטין, און מאנטאג י"ח אדר, האט אויסגעקוילעט א העלפט פון דער אידישער געמיינדע. פון די לערך 1300 אידישע איינוואוינער זענען 662 אומגעקומען אונטער די היידאמאקישע מעסערס; דערביי האבען זיך איבערגעחזר'ט די זעלבע אכזריות און ווילדקייטען ווי אין פראסקוראוו.

איין זאך איז נאך כדאי ס'זאל פערצייכענט ווערען. דאס איז די ראלע פון דער ציווילער קריסטליכער בעפעלקערונג.

אין פראסקוראוו האב איך מיט מיינע אויגען געזעהן גאנצע מחנות קריסטען פון שטאדט און דארף, לאבירענדיג דאס אידישע האב און גוטס. אנדערע זענען געווען פערקליידעט ווי היידאמאקעס, אנדערע האבען אויך געארבייט מיט מעסערס.

א פאר טעג פאר פסח איז צווישען פעטליורא'ס העלדען געווארען א מהומה, און זיי האבען פערלאזען די שטאדט. ערב פסח זענען קיין פראסקוראוו אריין די באלשעוויקעס, דער שטשיגרינער פאלק.

אט אזוי האט עס געדויערט ביז שבועות. דעם ערשטען טאג נאך יום־טוב איז ווידער אנגעקומען פעטליורא'ס מיליטער, און ווידער זענען געפאלען אידישע קרבנות. סתם אזוי, פערבייגעהענדיג. איז מען פערבייגעגאנגען דעם הייליגען ארט, האט מען דערהרג'עט דעם קברות'מאן מיט זיין זוהן. האט מען אויפ'ן וועג געטראפען אוועלכען ס'איז אידען האט מען איהם דערשאסען. אזעלכע "צופעליגע" קרבנות זענען דעם טאג געווען 42.

אין 13 טעג ארום זענען ווידער אנגעקומען די באלשעוויקעס. אוקראאינישע מיליטער: דער טאראשטשאנסקי און באגונסקי פאלקען.

א פנים, אז אין פראגראם פון דעם דאזיגען מין באלשעוויקעס זענען אריין אויך פאגראמען. פון די 21 טעג, וואס די פאלקען זענען ביי אונז געווען, האבען זיי זיך גאנצע 12 טעג בעשעפטיגט מיט רויבערייען און אגב דער'הרג'עט 12 אידען.

נאך זיי איז ווידער אנגעקומען פעטליורא, דאסמאל מיט גאליציישע חיל, וועלכער האט זיך שוין פערהאלטען רוהיג. דאס דאזיגע מיליטער האט פערבראכט ביי אונז ביז מיט א וואכען 7 צוריק, ווען עס האט געמוזט אבטרעטען פאר דעניקינ'ען.

דעניקינ'ס אבטיילונגען האבען זיך אבער אויך לאנג נישט געהאלטען ביי אונז, בלויז א פאר וואכען. זייער ארט האבען פערנומען די פאליאקען.

ס

# די לאגע אין דעם נייעם יוגא־סלאווישען שטאאט

### פון בן שמעון

יוגא סלאוויע איז איינע פון די נייעסטע מלוכות וואס איז ארויסגעוואקסען אין אייראפא אלס רעזולטאט פון דעם קריעג און ווי די מייסטע פון די נייע מלוכות האט זי געמוזט דורכמאכען א היבשען קריזיס ביז זי האט זיך געקאנט מעהר אדער ווייניגער איינפעסטיגען; זי האט נאך אבער א גרויסע מאס ארבייט פאר זיך ביז זי וועט זיך קענען שטעלען אויף די פיס ווי עס באדארף צו זיין, ווייל די נאציאנאלע גרופעס וואס זי שליסט איין אין זיך זיינען נאך ניט פאראייניגט פערלויפיג אין איין גאנצען ארגאניזם און עס וועט נאך מוזען נעהמען צייט ביז דאס וועט געשעהען. דער הויפט גליעד פון דיעזע נייע שטאאט איז סערביע. די קלענערע גליעדער זיינען די פראווינצען פון באסניען און הערצעגאווינא, קראאציע און מאנטענעגרא. די גאנצע איינוואוינער פון יוגא סלאוויע שטאאט זיינען סערבען, אבער די אנדערע נאציאנאליטעטען, די קראאטען, און די סלאווענער זיינען אויך זעהר צאהלרייך, און אין צוויי פראווינצען בילדען זיי זאגאר די מאיאריטעט.

וועגען די לעצטע צוויי נאציאנאליטעטען עקזיסטירט א דיספוט צווישען פערשידענע פאליטיקער, אייניגע טענה'ען אז די קראאטען און די סלאווענען זיינען באמת פונקט אזעלכע סערבען ווי די איינוואוינער פון סערביען, נאר דער אונטערשיעד באשטעהט בלויז אין זייער נאמען. אנדערע, דאגעגען, טענה'ען אז די קראאטען און סלאווענען זיינען טאקע פון אן אנדער שטאם ווי די סערבען און פארדיענען דעריבער אנערקענט צו ווערען אלס א באזונדערע נאציאנאליטעט. דער אמת שיינט צו זיין אויף דער זייט פון די ערשטע, נאר די פראגע פונוואנען די קראאטען און סלאווענען שטאמען איז דא ניט אזוי וויכטיג ווי די פראגע ווי זיי פיהלען צי זיי פיהלען זיך ווירקליך אלס בעזונדערע נאציאנאליטעטען אדער אלס איינס מיט די סערבען. דער ענטפער אויף דעם איז אז די קראאטען און סלאווענען זעלבסט זיינען נאך ניט גאנץ קלאהר אין דיעזען ענין. ביי א גרויסען טייל פון דער באפעלקערונג איז דער באוואוסטזיין פון א באזונדערע נאציאנאליטעט, יעדענפאלס נאך שוואך ענטוויקעלט, און ווען עס וואלטען זיך דארטען ניט געפונען קיינע קרענקס און פאנאטיקער, וועלכע רייסען זיך פון הויט מיט זייערע אגיטאציעס אים צו געפינען א באזונדערע נאציאנאליטעט אין יעדען מיינען מענשען, וואס וואהרשיינליך די מאיאריטעט איינוואוינער פון סלאוועניען און קראאציען זיך גאר שנעל צוגעוואוינט צום געדאנק אז זיי זייען סערבען. ווילען זיך ניט בארוהיגען און ווינען צו ענטוויקלען א באזונדערע נאציאנאלען „באוואוסטזיין" ניט נאר אין די קראאטען און סלאווענען נאר אפילו אין די מאנטענעגרינער וועלכע זיינען לכל הדעות אמת'ע סערבען אין שפראך, רעליגיאן און געוואוינהייטען.

מיט איבער א יאהר צוריק ווען דער יוגא־סלאווישער שטאאט האט זיך נאר וואס געהאט געגרינדעט, האבען זיינע פריינד געהאט גענוג גרינדע מורא צו האבען טאמער וועלען די פארשיעדענע גרופען פון שטאאט האבען א פארלאנג צו מאכען צו פיעל וועזען פון זייערע באזונדערע „נאציאנאלע" פאדערונגען און שטעלען אויף אזא אופן אין געפאהר די עקזיסטענץ פון דעם גאנצען שטאאט; צום גליק איז עס אבער געווען אנדערש, דער „נאציאנאלער" פאקטאר האט זיך דא ניט געלאזט שטארק פיהלען און די איינוואוינער האבען ווי עס שיינט שוין גאנץ שלום געמאכט מיט דעם געדאנק, אז זיי דארפען בילדען איין שטאאט צוליעב דעם וואהלזיין פון אלעמען.

פיעל טראבעל פארשאפט דעם נייעם שטאאט דער סכסוך וואס ער האט מיט איטאליען וועגען דער שטאדט פיומע, דער סכסוך ציהט זיך שוין כמעט א יאהר און ער האט זיך אנגעפאנגען שוין גלייך ווי די שלום־קאנפערענץ איז זיך צוזאמענגעקומען אין פאריז. איטאליען האט געפאדערט פיומע אויף דעם גרונד וואס די מאיאריטעט איינוואוינער פון שטאדט זיינען איטאליענער, און יוגא־סלאוויע האט געפאדערט די שטאדט אויף דעם גרונד וואס דאס „הינטערלאנד" (ד. ה. דאס גאנצע שטיק לאנד, וואס ציהט זיך ווייט הינטער דער שטאדט) איז באזעצט הויפטזעכליך מיט סלאווען; אויסערדעם איז פיומע דער וויכטיגסטער פארט פון דעם ברעג ים וואס דיענט אלס מערב־גרענעץ פון יוגא־סלאוויע און די יוגא־סלאווען באהויפטען אז אהן דיעזען פארט וועלען זיי ניט זיין אין שטאנד אנצופיהרען האנדעלס פארבינדונגען מיט דער אויסערער וועלט. פרעזידענט ווילסאן ווי אלע געדענקען, האט זיך ערקלעהרט איינפארשטאנען מיט דעם שטאנדפונקט פון די יוגא־סלאווען, און ער האט שטארק געוואלט אז איטאליען זאל זיי נאכגעגעבען אין דיעזען פונקט. נאר איטאליען האט עס ניט געוואלט טאן. די זאך האט זיך אזוי געצויגען און געצויגען ביז דער פאנאטישער איטאליענישער פאעט ד'אנונציא האט פארכאפט די שטאדט מיט אן אבטיילונג איטאליענישע סאלדאטען, וועלכע זיינען אזעלכע פאנאטיקער ווי ער זעלבסט און ער האלט נאך איהר ביז דעם היינטיגען טאג.

אין די לעצטע עטליכע וואכען האט דער פיומע־סכסוך אנגענומען א נייע ווענדונג, די פרעמיערס פון ענגלאנד, פראנקרייך און איטאליען האבען צוגעשיקט צו יוגא־סלאוויע א נאטע אין וועלכע זיי לאזען איהר וויסען אז עטוועדער זי זאל מסכים זיין, אז פיומע זאל אוועקגעשטעלט ווערען אונטער דעם קאנטראל פון דער ליגע אוו נייישאנס, אדער, אויב זי וויל עס ניט טאן וועט איטאליען באקומען אזוי פיעל טעריטאריע אין דאלמאציען (ניט ווייט פון פיומע) ווי עס געהערט איהר לויט דעם אפמאך פון לאנדאן. יוגא־סלאוויע האט געענטפערט אויף דעם אז אזוי ווי די צדדים וואס האבען טייל גענומען אין דעם אפמאך פון לאנדאן האבען איהר גאר נישט דערצעהלט וועגען דעם אין יענער צייט, פיהלט זי ניט קיין פליכט צו פאלגען די פונקטען פון יענעם אפמאך; אין דערזעלבער צייט האט זי אבער געגעבען צו פארשטעהן אין איהר ענטפער אז זי איז זעהר גערן דורכצוקומען מיט איטאליען אויף א פריינדליכען אופן און האט געבעטען מעהר צייט אויף צו באטראכטען דעם נייעם פארשלאג פון די פרעמיערס. ווי די זאך וועט זיך ניט ענדיגען בלייבט זי אלזא אין צווייפעל.

וואס אנבאלאנגט דעם אינערליכען פאליטישען צושטאנד פון יוגא־סלאוויע דארף קודם כל דערמאהנט ווערען אז דארטען זיינען פאראן צוויי גרויסע פאליטישע פארטייען די דעמאקראטישע און די ראדיקאלע און די וואוטערס פון גאנצען לאנד ווערען צוטיילט לויט זייערע סימפאטיען און אנטיפאטיען צווישען דיעזע ביידע פארטייען. די דעמאקראטישע פארטיי האט א פראגראם פון גרויסע סאציאלע און פאליטישע רעפארמען, און זי נעהמט אריין אין זיך דערפאר כמעט אלע פראגרעסיווע עלעמענטען, זאגאר די סאציאליסטישע. די ראדיקאלע פארטיי דאגעגען האט א פיעל מעסיגערע פראגראם און זי נעהמט אריין אין זיך הויפטזעכליך די קאנסערוואטיווע עלעמענטען. די ראדיקאלע פארטיי גיט אייגענטליך אויך צו אז דאס לאנד בראוכט די גרויסע ענדערונגען וואס די

(פארזעצונג אויף זייטע 6)

# אין דער וועלט א־ריין

### פון נ. בריק

פרעזידענט ווילסאן האט זיך נעבאך אזוי אנגעשטרענגט צו ווערען א „היסטארישע" פערזענליכקייט, צום סוף האלט די איהם גאר איצט די וועלט פאר אן „היסטערישע" פערזענליכקייט.

די באלשעוויקעס זיינען שוין אריין קיין ארכאנגעלסק און מורמאנסק, ווי איהר זעהט איז שוין אפילו דער „אייזער" ים רויט געווארען, און די „שווארצע" ווילען נאך אלץ זייער קאליר נישט בייטען....

„ס'איז געפאלען א חשד אויף מארגענטוי'ס מעשים אין פוילען". ביי מיר איז דאס גאר קיינמאל קיין חשד נישט געווען. איך בין געווען זיכער אז אויף קיין „יאהודי" טארען מיר אידען אלס א פאלק זיך נישט פארלאזען.

„פוילען באנעצט איהרע נאציאנאלע קאלירען אין ערשטען ים האפען". דאס וואס „זי" האט זיי פריהער באנעצט אין אידישע בלוט און טרעהרען, איז פאר פוילען נאך אפנים ווייניג...

לייטישע קינדער צו האבען איז טאקע א פערגעניגען. אט האט דזשארדזש מאנדעל, דער געוועזענער פריוואט סעקרעטאר פון קלעמענסאו געמאכט זיין טאטען פאר א „ראטשילד" (עדמונד דע ראטשילד, מאנדעלס פאטער, וועלכער איז נישט לאנג צוריק געשטארבען).

באלשעוויקעס האבען געפונען גרויסע גאלד מינען. דאכט זיך נאך אזא נייעס וואלטען דאך אלע רייכע געדארפט ווערען באלשעוויקעס....

„הארטע קוילען געפונען אין אנטעריא". אולי ירחם, אפשר וועלען כאטש די פריזען אויף קוילען אביסעלע „ווייכער" ווערען...

ווילסאן ווייזט אן דאס דער נייער אפמאך פונ'ם שלום קאנפערענץ מיט איטאליען איז אין גאנצען געגען זיינע פערצעהן פונקטען. א העלפט פון וועלכע ער האט פארלארען, פאהרענדיג אהין, און די צווייטע העלפט פאהרענדיג צוריק....

„פיהרער פון וויניפעגער „שטרייק־דעמאנסטראציע" געפונען שולדיג". אין רוסלאנד האט מען כאטש געמעגט „שווייגען", דא טאר מען הפנים דאס אויך נישט...

„ווילהעלם ווערט פארשיקט אויף אן אינזעל". א סוף האט ער דוקא פון א לייטישען מענשען. נאפאלעאן באנאפארט האט מען דאך אויך אן אינזעל פארשיקט...

„אין פראנקרייך הערשט איצט אן עפידעמיע אויף חתונות". דאס איז די איינציגע עפידעמיע פון וועלכער דאקטוירים און אנדערטייקערס קריגען א קרענק...

„מילעראן פארזיכערט, אז פראנקרייך סימפאטיזירט מיט דער באלפאור פאלעסטינא דעקלאראציע".

נאך אלעמען געהט אונז גארנישט שלעכט אויף דער וועלט. מיר האבען שוין דאנקען גאט צוויי דעקלאראציעס. א היביש ביסעל סימפאטיעס צו די דעקלאראציעס, אלא וואס דען, טאמער פעהלט אונז נאך פאלעסטינא, עט, דאס איז שוין א קלייניגקייט....

# דער גורל פון מיין פאלק

פון י. ל. קאלושינער.

דעם גורל פון מיין פאלק
טראג איך אין מיין הארצען, בירושה פון מיין פאטער,
וואס פארבליבען איז איהם נאך פון לאנג,
מיט דעם אייביג-נייעם אבקלאנג
נאך פון אלטע דורות, פון דער אלטער צייט,
אויסגעוועבט אין לוזשעס בלוט און ווייט
אויף א שווארץ פאר'חורב'דיגען וועג,
אין גרויע טעג —
דעם גורל פון מיין פאלק
טראג איך אין מיין הארצען, בירושה פון מיין פאטער.
שלייכעלדיג דורך וועגען וויסט אין בלוט,
דורך הוימען ברענענדע אין גלות,
פון מיין דורות אלטען, אלטען פיינר צושט'ערט,
פארעמלאז הייגט אויף דער ערד,
איבערגעגעבען איצט מיין קינה, מיין וועה פון וועג
אין ג-ייע טעג.

## אין דער גרויסער פרעמדער שטאדט

פון י. ל. קאלושינער

אין דער גרויסער פרעמדער שטאדט
מיט די 'כוואליע' מענשען, מענשען פיעל,
שלייך איך מיט זיי נאך זיך אהן א ציעל
אין דער גרויסער פרעמדער שטאדט.

אין דער לאנגער ברייטער גאס,
אין דעם ווילדען וווירבעלדען געיעג
ווערט אין שטויב מיין טרער צוטראטען אויפ'ן וועג,
אין דער לאנגער ברייטער גאס.

אין דער שטילער שפעטער נאכט,
ליג איך ביי דעם אומרוה אין געפאנג,
און עס ווערט מיין הארץ די נעץ פון באנק
אין דער שטילער שפעטער, נאכט.

## אידישע מיידעל דעקארירט פון ד'אנוציא

גאבריעל ד'אנונציא, דער האלב משוגענער פאעט און קריעגער, וועלכער האלט די איטאליענישע רעגיערונג אין שרעק, איז אבער ווייזט אויס ווינציג וואס שטרענג ווען עס קומט איהם אויס צו באגעגענען זיך מיט מיידלעך, און א באזונדער "שוואכקייט" האט ער ווי עס ווייזט אויס פאר אידישע מיידלאך.

אין דעם "לוהער גיוס" מעגעזין ווערט באשריבען ווי אזוי דאס אידישע מיידעל ווערא בלום פון נויארק האט געקראגען די העכסטע דעקאראציע פון ד'אנונציאן. ד' געשיכטע האט מיס בלום דערצעהלט אין לאנדאן.

זי איז אריינגעקומען אין האטעל קארלטאן און יעדער איינער איטאליענישער וויטער וואס געפינט זיך דארט האט זיך אפגעשטעלט קוקען אויף איהר. זי האט זיך געזעצט. עסען איז יעדער איינער ווייטער צוגעגאנגען און געבעטען די ערלויבניש א קוש צו טאן די מיט גאלד באנעהטע אויסצייכנונג וואס איז געווען אויף איהר ארבעל.

מיס בלום האט דאן דערצעהלט אז ניט נאר דא אין קארלטאן האטעל, נאר איבעראל וואו זי האט זיך נור באוויזען האבען די איטאליענער ארויסגעוויזען אזא עהרפורכט צו דער אויסצייכנונג, וועלכע באשטעהט פון א שווערד ארומגענומען מיט בלעטער, וואס ווערט געגעבען צו א קעפטיין פון אדריטי, איטאליענ'ס בעסטע סאלדאטען. אויך טראגט זי א גאלדענעם מעדאל אויף וועלכען ס'געפינט זיך דער אויפשריפט: גאבריעלי ד'אנונציא, ווערא בלום. פיומע. 30 אקט. 1919.

ווי אזוי זי האט געקראגען די אויסצייכנונגען דערצעהלט זי ווי פאלגט:

מיר האבען פארלאזט נויארק דעם 1טען אקטאבער. מ'האט גערעדט דאן וועגען דעם אז ד'אנונציא האט פאר'נומען פיומע אבער אלע האבען געדענקט אז דאס איז ניט מעהר ווי א ווארט. ווי ערשטוינט זיינען מיר אבער געווען ווען מיר זיינען געקומען אין פאריז און אויסגעפונען אז דאס איז מעהר ווי אן ערנסט. מיר זיינען געקומען צום איטאליענישען שווייצארישען גרענעץ געגעבען די סאלדאטען צו סיגארעטלעך און געפרעגט זיי וואס זיי דענקען וועגען ד'אנונציאן, און זיי האבען א קוש געטאן די פינגער, און זיי אויפגעהויבען אין דער לופטען, ווי איינער רעדט: אזוינס איז אזעלכעם איבעראל, ווערט ד'אנונציא פארעהרט. מיר האבען געפרעגט ווי קאן מען זעהן דעם דאזיגען ד'אנונציא, האבען זיי געענטפערט אז אין פיומע לאזט מען קיינעם ניט אריין, אפילו קיין צייטונגס רעפארטערס. דער איינציגער וואס קען העלפען איז דער רעדאקטאר פון דער "פאפולא ד'יטאליא" אין מילאן.

מיר זיינען אוועק אהין, געקומען אין דער רעדאקציע, א פאר פארהייכערטע ענגע צימערלעך אויפ'ן צווייטען שטאק, זאגט מען אונז דער רעדאקטאר איז ניטא. ערשט אום האלבע נאכט איז ער געקומען. איך האב זיך צערעדט מיט איהם און ער האט מיר געגעבען בריעף צו די מיליטערישע בעאמטע פון ווענעציא און טריעסט ווי אויך א בריעף צו "מיין טייערען ד'אנונציא".

זיבען געהאט גענוג צרות אויסצושטעהן ביז מיר האבען געקראגען וויזירט אונזערע פאספארטען אין ווענעציא טריעסט, און ענדליך אין אבאזיע. פופצעהן מינוט פון פיומע.

אין פיומע האט מען קיינע אויסלענדער ניט אריינגעלאזט. דאס בריוועל "טייערער ד'אנונציא" האט אבער געווירקט און ער האט אליין ארויסגעשיקט אן אויטאמאביל.

אויף מארגען איז געקומען ד'אנונציא'ס סעקרעטאר און געזאגט דאס ד'אנונציא קאן מיך זעהן פאר צעהן מינוט צייט ארום עלף א זייגער. איך האב געצייגט דעם רעדאקטאר'ס בריוו.

און מ'האט אונז אפגעגעבען א סאלדאט וועלכער האט זיך געפינען לעבען אונז אלע צעהן טעג וואס מיר האבען פארבראכט אין פיומע.

דער זעלבער סאלדאט האט אונז אוועקגעפיהרט צו ד'אנונציאן. דער צימער איז געווען פול געפאקט מיט סאלדאטען. ד'אנונציא האט זיך אויפגעהויבען און באגריסט מיך אין איטאליעניש. איך האב איהם געענטפערט אויף זיין באגריסונג אין איטאליעניש. דאס איז איהם שטארק געפעהלען געווארען, ער האט גענומען רעדען וועגען אמעריקא, זיך נאכפרעגענדיג אויף שמואל גאמפערס וועמען ער האט איינמאל גענומען אין א לופט שיף, און וועגען פארשידענע אנדערע זאכען. מ'האט גערעדט אנשטאט צעהן מינוט א שטונדע און א האלב און פאר די צעהן טעג וואס איך בין דארט געווען האב איך איהם געזעהן איינינע מאל.

דעם לעצטען טאג פון מיין זיין דארט האט ער מיר אנגעגעהפט די אויסצייכנונג און דעם גאלדענעם מעדאל.

ער האט אויסגעשטעלט די סאלדאטען וואס האבען זיך געפינען אין צימער אין מיליטערישע ארדנונג און מיך דעקארירט ווי מ'טוט עס צו א סאלדאט אויפ'ן שלאכטפעלד.

ד'אנונציא ווערט פארעהרט איבעראל. וואו איך בין נאר דורכגעפאהרען האב איך געזעהן ענטוזיאזם און באגייסטערונג פאר איהם.

דא האט דער געשפרעך זיך איבערגעריסען. די איטאליענישע וויטערס פון האטעל קארלטאן זיינען צוגעקומען אין א דעלעגאציע און איהר צוגעטראגען ד'אנונציאס א בוך ליעדער אלס צייכען פון פארעהרונג צו זייער לאנדסמאן.

די פאמיליע בלום איז איצט אויפ'ן וועג צוריק אין ניואַרק.

ליווי און פעלדמאן
545 קווין וועסט
מיר מאנופעקטשורען טשילדרען קאוטס און סוטלעך פאר באיעס און מיידלאך, און מיר פערקויפען און מאכען אויך צום ארדער דיטייל און האלסייל. טעלעפאן אדלייד 4792.

ווערט יעדען סענט
וואס עס קאסט—
"SALADA"
שווארץ, - גרין } נאר פארזיגעלטע פעקלאך. ווערט
אדער געמישט } קיינמאל ניט פארקויפט אין שטיקער.

## אין "פאלים קאורט"

ריכטער קאהן האט רחמנות.

פריהער האט ער די מאמען ניט געפרעגט, נאר אז ער איז אריינגעקראכען אין א בלאטע, שלעפט ער די מאמען אין געריכט אריין, זי זאל איהם ארויסהעלפען.

קארל סטופאק, א אידיש אינגעל פון 15 יאהר אלט, ווערט געבראכט אויף דער קלאגע, אז ער האט פארקויפט 2 טיקעטס אויף א האקי גיים אין דער ארענא און געלייזט פאר זיי 7 דאלאר.

— ערקלעהרסטו זיך שולדיג?

— ניין.

— האסטו גענומען די טיקעטס און פארוואס האסטו זיי פארקויפט?

— איך ארבייט, — ערקלעהרט קארל — אין דער ארענא, האב איך אנגעגריים צוויי טיקעטס פאר מיינע צוויי חברים, זענען זיי ניט געקומען, האב איך ניט געהאט קיין אנדער ברירה, נאר פארקויפען זיי.

— ווייסטו אז פאר אזא פארברעכען קומט 50 דאלאר אדער 6 חדשים זיצען?

— ער האט נעבאך ניט געוואוסט דעם געזעץ, — זיפצט אויס די מאמע.

האט ריכטער קאהן געקראגען רחמנות און צוגע'פסק'ענט.

— 5 דאלאר אדער 10 טעג תפיסה.

### א מיסטעריע פון 5 דאלאר.

— פרעדריק גיידזש, איהר ווערט באשולדיגט אין פארקויפען א פעשעל שנאפס פאר 5 דאלאר.

— איך האב ניט פארקויפט קיין שנאפס. איך האב אזא זאך קיינמאל ניט געטאן און וועל עס ווייטער אויך ניט טאן.

— פארוואס - זשע האט אייך דער קאנסטייבעל געכאפט געבענדיג דאס פלעשעל בראנפען און נעהמענדיג געלט?

— מיין פריינד סילווערקארן איז געווען קראנק, האב איך איהם אפגערופען דורב'ן טעלעפאן און געפרעגט, וואס ער מאכט, האט ער מיר געענטפערט, אז ער פיהלט זיך נישט גוט און וואלט וועלען האבען א טרונק בראנפען אויף א רפואה, און וועט אהיימשיקען צו מיר א מאן נאכ'ן שנאפס. איז יענער ארויפגעקומען צו מיר. איך האב איהם געגעבען דאס פלעשעל שנאפס, און ער האט מיר געגעבען א 5 דאלאר ביל, וואס איך האב געמיינט, אז דאס איז א טייל פון די 12 דאלאר וואס מיין פריינד סילווערקארן איז מיר געווען שולדיג. דא איז אריין דער קאנסטייבעל און געמאכט די קלאגע.

— ווען און וואו האט ביי אייך סילווערקארן געליהען געלט?

— מיט א 2—3 וואכען צוריק, ביי מיר אין דער היים.

מען רופט אריין אלס עדות סילווערקארן, ער גיט צו, אז ער איז געווען קראנק און האט געשיקט נאך בראנפען.

— זענט איהר געווען שולדיג געלט גיידזש'ען, און וויפיעל?

— 15 דאלאר.

— ווען און וואו האט איהר געליהען ביי איהם דאס געלט, און וויפיעל האט איהר איהם שוין אפגעצאהלט?

— מיט א צוויי מאנאט צוריק, ביי מיר אין הויז, און איך האב נאך גארניט אפגעצאהלט.

הייסט עס, אז סילווערקארנ'ס און גיידזש'עס רייד שטימען ניט. ווערט אן אונפארשטענדליכע, א מיסטעריע וועגען די 5 דאלאר, וואס גיידזש האט געקראגען פאר'ן ביטערען טראפען. בלייבט אלזא אפצולייגען דעם פראצעס אויף מארגען כדי צו מאכען א ווייטערע אויספארשונג.

### ער איז שוין אפגעזעסען זיינס.

ארטהור פריים האט אן אייגענע דירה, האט זיך איהם פארגלוסט צו הויבען פענסטער פון פרעמדע הייזער שפעט אין דער נאכט. אזעלכע פריהייטען ווערען נאך לעת עתה ביי אונז אין טאראנטא ניט ערלויבט. האבען די פאליסלייט שוין געזעהן, אז ער זאל זיך דערווייל אריבערקלייבען אין א שטאדט-הויז מיט גראטען.

אויסער אלעמען, טענה'ען די פאליס, איז ארטהור גארניט געווען אזוי מחילה'וואטער שכור, בשעת ער האט געפרואווט, צו זענען די פרעמדע פענסטער גוט פארמאכט.

— ווי לאנג זיצט שוין פריים ביז'ן פראצעס?

— ארום צוויי וואכען.

— נו, באלד אזוי, איז ער שוין זיינס אפגעזעסען.

### ווען ניט די "רעסיטס".

פרענק רזשאהנסאן ארבייט אין קיך אין באוועלס לאנטש רום אויף יאנג סט.

ברייגנט א פוהרמאן 1 קעסטעל סיגארען און 1 קעסטעל קייקס, און רזשאהנסאן שרייבט אונטער די "רעסיטס" און "פארגעסט" אפצוגעבען צום בעל הבית די סחורה.

אז ס'איז געקומען צום באצאהלען די ביללס, ווייסט דער בעל הבית גארניט פון דער סחורה, קומט דער פוהרמאן מיט די קבלות און ווייזט אן אויף פרענק'ען, אז ער האט די סחורה איבערגענומען.

— 30 טעג פארבדזשייל, — מאכט עס ריכטער דעניסאן בקיצור.

חפנים און רזשאהנסאן איז נאך ניט געניט אין "געשעפט".

### אן עלעקטרישער קוועטשער אהן עלעקטריע.

עס ווערען אריינגעפיהרט 3 פארשטעהער פון יונגא - סלאוויע, אוקראינע און פוילען.

מר. מארקאוויטש, דער אידישער איבערזעצער אין קאורט, איז א יודע שבעים לשונות, און באזארגט זיי אלע דריי.

— הערר פאסקאלי, איהר האט גע־גנב'עט אן עלעקטרישען קוועטשער.

— אבער דער עלעקטרישער קוועטשער, — רופט אויס פאסקאלי'ס לאיער, — קוועטשט ניט, ד. ה. ער קוועטשט יא, נאר אהן עלעקטרי.

טרעט אויף סטאפניק, א שווערער בלאנזש מיט גרויסע וואנצען. ער איז דער איינגענטימער פון דער אהן - עלעקטריע מאשינעריע.

— וויפיעל איז ווערט דאס "עפיפער"?

— 1 דאלאר.

— וואו האסטו עס גענומען?

— ביי א צודינגעקומענעם סאלדאט.

— וויפיעל האסטו באצאהלט דערפאר?

— 1 דאלאר.

— ניט אומזיסט איז עס ביי איהם מעהר ניט ווערט ווי 1 דאלאר — באמערקט אטוירני קארלי.

— פון וואנען האט מען ביי דיר דעם "קוועטשער" ארויסגענומען?

— פון מיין טיש - קעסטעל.

— ווייסטו, אז פאסקאלי האט עס גענומען?

— ער האט מיך געטראפען אין גאס, האט ער מיר דערצעהלט.

קומט ארויף דער דריטער פארשטעהער, סטאפניק'ס אן עדות.

— פון וואנען ווייסטו, אז פאסקאלי האט גענומען דעם טייערען "אנטיק"?

— איך ווייס ניט, צי ער האט עס גענומען, איך ווייס נאר, אז סטאפניק האט עס געקויפט ביי א סאלדאט פאר 1 דאלאר.

אויסהערענדיג דעם גלגול פון דעם עלעקטרישען קוועטשער, וואס האט נעבאך פארלארען זיין נשמה, זיין ליכט, האט ריכטער דעניסאן באשלאסען, אז זיי מעגען איהם אלע דריי באגלייטען צום בית עולם און נאך איהם קדיש זאגען.

## דעם לעזערס ווינקעל

געשעצטער הער רעדאקטאר.

ערלויבט מיר דורך דער צייטונג, פון וועלכער איך האב די עהרע צו זיין דער פרעזידענט, צו לאזען וויסען דעם ברייטען עולם, אז זייט די לעצטע וואהלען פונ'ם טאראנטאר מלחמה קאנפערענץ, ווען איך האב רעזיגנירט, בין איך ניט מעהר דער טרעזשורער פונ'ם קאנפערענץ.

מיט דרך ארץ,
ה. ווינבערג.

## ווערט היינט געהאנגען

קיטשענער אנטעריא. פעברואר 25.

עס איז היינט ניט אנגעקומען קיין באפעהל אפצולייגען דעם טויט אורטייל פון סטאיקא באיעף, און עס ווערען געמאכט אלע פארבארייטונגען איהם מארגען אויפצוהענגען.

# אונזער פליכט

פון הרב יעקב גארדאן, (טאראנטא.)

די ליעבע פון ארטאדאקסישען אידען צו ציון איז אלעמאל געווען אונגעהויער גרויס. יעדער איד, וואס האט געגלויבט אין דער צוקונפטיגער וועלט, האט געהיט די תורה האט ער אלעמאל געטאן זיינע נאציאנאלע פליכטען צו ארץ ישראל.

אפילו אין די אמאליגע טעג, ווען דאס פאהרען אויפ'ן ים איז געווען א סכנה האבען זיך געפונען גענוג חלוצים צווישען די פרומע אידען, וועלכע האבען זיך ניט אבגעשראקען פאר דער געפאהר פון דער ים - רייזע, און זיינען געפאהרען צו באזעצען זיך אין דער הייליגער לאנד, הגם זיי האבען פאראויס געזעהען, אז דער דלות וועט מיט זיי זיין א נאהענטער מחותן דארטען, און א דאנק זיי האבען מיר שטענדיג געהאט א אידישע "שארית הפליטה" וועלכע האט באפעלקערט פיעלע טיילען פון אונזער הייליג לאנד.

יעצט, אז מיר האבען באמת טאקע זוכה געווען מיט'ן רצון הבורא צו א גליקליכער צייט, אז די גרעסטע און שטארקסטע פעלקער האבען איינגעזעהען אונזערע גערעכטע היסטארישע פאדערונגען, און האבען, דורך דער ענגלישער דעקלאראציע, בעשטעטיגט אפיציעל, אז מיר זיינען בארעכטיגט צו פארווירקליכען אונזערע שטרעבונגען — דארפען מיר זיכער בלייבען געטריי צו אונזער טראדיציע און ארבייטען מיט אלע כחות פאר ארץ ישראל. אלע אויסזיכטען זיינען אויף אונזער זייט צו ווערען די בעלי בתים פון אונזער לאנד, אויב נאר אלע חושים פון דער פאלקס נשמה וועלען דיענען ענערגיש אינ'ם יעצטיגען גרויסען מאמענט פאר דעם הייליגען צוועק פון בנין הארץ.

מיר האבען שוין ב"ה די מעגליכקייט צו טאן אויפבויאונגס ארבייט, אויפשטעלען די חורבות פון ירושלים, אויפלעבען די איבעריגע פארוויסטעטע טיילען פונ'ם לאנד, אריינברייגנען פאבריקאציע און אלע סארטען אונטערנעהמונגען וועלכע קענען מאכען די ארץ אבות אלס א מוסטער לאנד אויף אלע געביטען פון מענשליכע פעהיגקייטען.

אלע אידישע פארטייען, אפילו וואס זוכען שיתפות מיט גוים, ארבייטען טעגטיג, צו שאפען גרויסע סומען פאר דער אויפבויאונג פון אונזער לאנד. אבער מיר טארען ניט פארגעסען אז אונזער לאנד קען ניט געבויט ווערען פון גוי'עשע חסדים, מיר האבען ניט קיין רשות צו באנוצען זיך מיט אזוינע מיטלען אז גלחים, קירכע פאטערס און קלויסטער - טאטעס זאלען אונז פארזארגען מיט געלד, פאר'ן הייליגען תכלית פון בנין הארץ. זאגאר א יחיד וואס זוכט געלד קוואלען צווישען גוים פאר צדקה עפענטליך רופט זיך אין גמרא "פסול". מיט גוים טוט מען געשעפטען בשותפות, אבער ניט נאציאנאלע ארבייט.

עס איז דעריבער דער חוב פון אלע שוהל אידען אנשליסען זיך אן דעם מזרחי און ניט פערשלאפען די פאסיווע צייט העלפען פארגרעסערען די הכנסה פונ'ם קרן ארץ ישראל פאנד, און זעהען אז די זאמלונגען פאר דיעזען פאנד זאל זיין אין ערפאלג.

דער פראגראם פונ'ם מזרחי, צו בויען ארץ ישראל אינ'ם גייסט פון תורת ישראל, אז ירושלים זאל פערבלייבען א עיר הקודש און ציון א משכן כבוד — קען ניט געזיכערט ווערען, סיידען די נויטיגע געלדט מיטלען וועלען געשאפען ווערען פאר־דעם.

ס'איז געקומען די צייט פאר'ן ארטאדאקסישען יודענטום צו ווערען פראקטיש. די מזרחי ארגאניזאציע מוז ווערען איינפלוסרייך און פארנעהמען דעם ערשטען פלאץ אין בנין הארץ.

דאס קען געטאן ווערען נאר דורב'ן קרן ארץ ישראל.

### ריכטער אדאלף קאהן בלייבט אויף זיין שטעלע.

אין דער לאגע וואס איז געשאפען געווארען א דאנק דער אגיטאציע, וועלכע איז געפיהרט געווארען געגען דער בעשטימונג פונ'ם אידען ה' אדאלף קאהן אלס פארזיצענדער פון לאדזער קרייז - געריכט, איז איצט פארגעקומען אן ענדערונג און דער יוסטיץ - מיניסטער ה' העבדזינסקי, וועלכער איז פריהער געניינט געווען אנצונעהמען די דימיסיע פון ה' קאהן, האט איצט א דאנק דער שטעלונג פונ'ם וויצע-מיניסטער און שעף פון דער אבטיילונג פאר פערסאנאל - ענינים, בעשלאסען די דימיסיע ניט אנצונעהמען און ה' קאהן בלייבט אויף זיין שטעלע.

די טעג וועט ארויספאהרען קיין לאדז א ספעציעלער בעאמטער פון אפעלאציאנס געריכט דורכצופיהרען די אויספארשונג וועגען דער גאנצער קאמפאניע, פעסטצושטעלען אויף וואס פאר א באדען עס איז פארגעקומען געווארען די אקציע געגען דער נאמינאציע פון ה' אדאלף קאהן און אויך ווער עס זענען די איניציאטארען פון דער גאנצער קאמפאניע.

פוטער רויכערט זיך ביי 329 גראד היץ. שמאלץ, ביי 400 גראד

איהר קענט דערהיצען קריסקא היים גענוג צו פרעגלען און עס וועט זיך ניט רויכערען

פרעגלען אהן רויך!

רויך פערוואנדעלט א קיך אין א גיהנום. ווען איהר פרעגעלט מיט קריסקא איז אייער קיך פריי פון רויך און דיא לופט איז פריש. ווייל קריסקא רויכערט זיך ניט ביי די העכסטע טעמפעראטור. פאטייטאס, קאטלעטס, פיש און אנדערע זאכען ווערען אין א מינוט ברוין און קרוכלע.

קריסקא

כשר—פארעווע צו פרעגלען און צו באקען

קאסט ביליגער וויא דיא ביליגסטע רינדערנע שמאלץ און וועניגער וויא א העלפט פון פוטער. און עס איז פיעל שפארעוודיגער וויא ביידע, ווייל קריסקא קען שטעהן א לאנגע צייט און ווערט קיינמאל ניט קאליע. אבער די הויפט מעלה פון קריסקא איז וואס עס איז א פארעווער פעט און קען געברויכט ווערען מיט פליישיגס אזוי וויא מיט מילכיגס אהן שום חשש.

א הכשר געפינט זיך אויף יעדע קאן.

צו בעקומען אין אלע גראסערי סטארס.

## דער קריפעל

(קאר בילדלאך.
פון ש. נעפאם

ווארט א ווילע, האט א סאלדאט אויף צוויי קוליעס א געשריי געטאן צום קאנדוקטאר, איך וויל דא ארא[פ]געהען, ווען דער קאנדוקטאר האט געהאלטען זיין האנט ביי דעם רימענדעל גרייט א קלינג צו טהון.

האלט שרייט, דער סאלדאט, שאקלענדיג זיך האלב אויסגעטרונקען אויף זיינע קוליעס, און געהט פון די טרעפ. ביזט דאך ניט אויפ'ן שלאכט פעלד דער שונא איז נאך גאנץ ווייט, קוק נור א פנים. ער שמייכעלט, איך האב אויך געשמייכעלט, האט מיר גאט קורצער געמאכט מיט א פאאר פיס און איך וואלט דיר קורצער געמאכט מיט א קאפ.

קורצער מיט א קאפ וואלט איך דיך געמאכט, בורטשעט דער סאלדאט, און שטעהט מיט איין קוליע אויף דעם טרעפ און מיט דער צווייטער אויף דער ערד מיין בלוטיגען ניקעל, מיין מלחמה "פעי" צ געריבט, שיס, טוט דער סאלדאט א געשריי.

דער קאנדוקטאר טוט א קלונג, און די קאר לאזט זיך לויפען.

### די גאנז

א יונגע דאמע האט זיך פארקליבען אין א ווינקעל, ס'איז געווארען שטיל אין קאר, בלויז די רעדער האבען געגלומען גרילצען און די קאר האט זיך געוויעגט ווי א וויעגעלע, מיט אמאל האט זיך דערהערט א ווילדער געשריי פון א גאנז, גרא גרא גרא גרא גא.

די פאסאזשירען האבען זיך איבערגעקוקט און האבען גענומען שמייכלען, גרא גרא. גרא שרייט ווילדער די גאנז, אלע אויגען האבען זיך געווענדעט צום ווינקעל וואו די יונגע דאמע איז געזעסען איז רויט געווארען, און זיך פארשעהמט.

צוויי קליינע קינדערלעך זיינען צוגעלאפען צו דער פרוי זעהען דעם וואונדער, און אין א קלאנגינען געלעכטער האבען זיי ארויסגעשאסען. ווען זיי האבען דערזעהען א ווייסע גאנז שרייענדיג גרא.

מיסעס, רופט זיך אן איין אינגעלע פליעז לאזט אפ די גאנז זאל זי זיך אביסעל הורבשפאצירען איבער דער קאר!...

### טראנספערס

א פארפיצטער ספארט איז אריינגערימען אין קאר, האט זיך געזעצט אויף א פלאץ, ער האט באמערקט א פרוי שטעהט לעבען איהם האט ער העפליך געצויגען זיין העט, אנגעוויזען דער דאמע זיין פלאץ, און האט זיך געשטעלט אין א ווינקעל.

דער קאנדוקטאר איז צוגעגאנגען מיט שטילע טריט האט דער פאסאזשיר איהם דערלאנגט א טראנספער, דער קאנדוקטאר טוט א קוק און דערלאנגט דעם פאסאזשיר צוריק דעם טראנספער.

ס'איז ניט פון היינטיגען טאג זאגט דער קאנדוקטאר, ס'איז א טראנספער פון צוריק מיט א מאנאט, וואס, טוט זיך א באפ דער פאסאזשיר וואס, איך האב דאס ערשט געקראגען פון א בעלט-ליין....

גיין זאגט דער קאנדוקטאר בייזלעך, דאס איז אלטער, אום גאטעס ווילען בגיזעט זיך דער פאסאזשיר און גיסט און זוכט אין די פאקעטס. ווארט א ווילע און דערלאנגט א צווייטע.

אויך דאס איז ניט דער, שרייט שוין קנייטשען און א רחמנות קוקט ארויס "פעיר" און מאטערט ניט

דו ביזט גאר ניט קיין נאר. וואס מיינסטו איך וועל דיר געהען צאהלען צוויי מאהל פערס, נא אט האב איך נאך א טראנספער אפשר איז דאס דער ריכטיגער איך זעה ניט איך האב שלעכטע אויגען שמייכעלט דער פאסאזשיר.

דאווערקאורט! רופט אויס דער קאנדוקטאר, דער פאסאזשיר שפרינגט פון קאר, רופענדיג מארגען, מארגען וועל איך דיר געבען דעם ריכטיגען טראנספער.

### די בייבי

"פעירס פליעז", האט דער קאנדוקטאר געשריען, און האט געשוויצט זאמלענדיג די "פעירס", א פול געפאקטע קאר מיט פאסאזשירען, א שפילקע ניט דורכצוואווארפען פאליאקען אידען איטאליענער מען איילט זיך פון דער ארבייט, יעדער איינער איז אויפגערעגט, יעדער איינער זוכט א ווינקעל. און אלטע אידענע זיצט אין א ווינקעל דאס פנים פול מיט דער קאנדוקטאר פליעז בא צאהלט די פון יעדען קנייטש אנגעשפארט לעבען פענסטער. א אכט יאהריג מיידעל דער קאנדוקטאר קומט צו פעירס פליעז, די אידענע טוט א ציטער פאר שרעק, שטופט דעם קאנדוקטאר דעם טיקעט אין דער האנט אט דא איז דאס פלאץ ווייזט דער קאנדוקטאר דער אידענע אויף זיין "פעיר-באקס".

"טיינקיו", שמייכעלט די אידענע מיט א רחמנות פנים און טרעפט ניט אין לעבעל.

פעירס ציהט אויס דער קאנדוקטאר זיין באקס צום מיידעל, דאס מיידעל קוקט אויף דער אלטער אידענע מיט צושראקענע אויגען די אידענע שטעלט אן א חרע רחמנות אויגען אויף דעם קאנדוקטאר און זאגט דאס איז דאך מיין בייבי.

יא זאגט דער קאנדוקטאר מיט א שמייכעל פאר דער בייבי מוזטו אבער אויך צאהלען

טרי יהרס און א העלף זאגט די אידענע און טוליעט צו זיך די בייבי.

דער קאנדוקטאר טוט א שמייכעל, און די גאנצע קאר שיסט אויס א געלעכטער.

אפיס טעלעפאן מיין 5040
און מיין 5041
הויז טעלעפאן קאלעדזש 7909
י. וו. בראדי ב. א.
פון
האלים, ווילסאן און בראדי
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאר
[illegible]
געלט צו לייהען
א — 606 טעמפעל בילדינג, טאראנטא
קארנער ריטשמאנד און בעי

# אידישע נייעס פון דער אלטער היים

ארויסגענומען פון פארשיעדענע אידיש אייראפעאישע צייטונגען.

### אן אנפאל אויף אידען.

לאדז, 15 יאנואר.

די פאריגע נאכט זענען באנדיטען בעוואפענטע מיט רעוואלווער'ן בעפאלען ביי זדונסקא - וואליא אויף אידישע סוחרים און געפאדערט געלד. ווען די סוחרים האבען זיך ענטזאגט צו געבען געלד, האבען די באנדיטען גע'הרג'עט אויפ'ן ארט [illegible] סוחרים. פרטים פעהלען. פאליציי [illegible] ענערגיש די באנדיטען.

די טעג איז דא פארגעקומען א קאָנפערענץ פון פארשטעהער פונ'ם פאראיין פון טעקסטיל־ארבייטער. עס זענען געקומען פארשטעהער פון בעלסק, ציעשינער שלעזיען, זשירארדאוו, טשענסטאכאוו, זאוויערציע און אנדערע. עס איז באשלאסען געווארען ארויסצושטעלען אומעטום גלייכע לוין - באדינגונגען.

### א טרויעריגע סטאטיסטיק אין ביאליסטאק.

די סטאטיסטישע אפטיילונג פון דער קהלה פארוואלטונג האט מיט א קורצער צייט צוריק פארענדיגט די בעארבייטונג פון אנקעטע וועגען די וואוינונגס באדינגונגען פון די תלמוד תורה קינדער, וואס איז דורכגעפיהרט געווארען אין נאוועמבער פ. י.

ס'זיינען אונטערזוכט געווארען 840 וואוינונגען פון די קינדער, דערביי האט זיך ארויסגעוויזען די שרעקליכע אנטיסאניטארע לאגע, אין וועלכער דאס רוב פון די קינדער געפינען זיך.

קרוב 48 פראצ. פון די קינדער געהערען צו פאמיליעס וואס באשטעהען פון 6—8 מיטגליעדער. 14.5 פראצ. צו פאמיליעס פון 9 און מעהר פערזאן. 25 פראצענט פון די קינדער וואוינען אין דירות פון 2 צימערען. די איבעריגע אין דירות פון 8 צימערען.

ס'איז כדאי פעסצושטעלען אז פון די 180 פאמיליעס, וואס וואוינען אין דירות פון 1 צימער, בעשטעהט די משפחה פון 4—5 פערזאן — ביי 43 פראצ. פון 6—8 פערזאן — ביי 38,5 פראצ. און פון 9 און מעהר פערזאן ביי 5 פראצ. קליינע פאמיליעס ביז 3 פערזאן מאכען אויס 13 פראצענט.

די קינדער שלאפען ביי שרעקליך אומענשליכע בעדינגונגען. עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז 40 פראצענט פון אלע קינדער שלאפען זאלבע 4 אדער 5 אין 1 צימער.

דער צימער האט מייסטענטיילס נאר איין פענסטער אדער גאר קיין פענסטער ניט.

ביי 15 פראצענט פון די פאלען, וואו קינדער שלאפען אין צימערען מיט 1 פענסטער, שלאפט מען זאלבע 6 און מעהר אין א צימער.

ביי 50 פראצ. פון די פאמיליעס איז קיין וואסערלייטונג ניטא. און ביי 20 פראצענט — ניט קיין וואסער און ניט קיין עלעקטריק; נאר 30 פראצענט פון אלע פאמיליעס האבען עלעקטרישע באלייכטונג מיט וואסערלייטונג.

לויט דער סאציאלער לאגע פון די עלטערען טיילען זיך די פאמיליעס, — 46 פראצענט ארבייטער, 20 פראצ. סוחרים 3,6 פראצ. לעהרער, 12 פראצ. אומבאשטימטע און 17 פראצ. ארבייטסלאזע. די צאהל יתומים באטרעפט קרוב 180.

* * *

די רעזולטאטען פון דער דאזיגער אנקעטע ערקלערען פאלקאם די סיבות פון דער געוואלדיגער פארשפרייטונג פון קראנקהייטען און שלאפקייטען ביי די קינדער, וואס לערנען אין דער תלמוד תורה.

דער באריכט פון דער דאזיגער אנקעטע איז צוגעשטעלט געווארען דורך דער סטאטיסטישער ביורא דער רעליגיעזער און געזונדהייט - קאמיסיעס ביי דער קהלה.

### סלאוואקישער מיניסטער וועגען די אונגארישע אידען.

דר. שראעבבער, מיניסטער פון סלאוואקיען האט, איינעהמענדיג א אידישע דעפוטאציע צו ניי־אַהר ארויסגעזאגט זיין מיינונג וועגען דער איצטיגער לאגע פון די אונגארישע אידען. די אונגארישע רעגיערונג — האט ער געזאגט — פערנעהמט זיך ספעציעל מיט רדיפות אויף אידען, בעת זיי האבען אזא בעהאנדלונג דורכאויס ניט פערדיענט. אויסער וואס די אונגארישע אידען האבען דורך זייערע גרויסע געשעפטען בערייכערט דאס לאנד האבען זיי דערצו געליפערט אונגארן אן אונגעהויערע צאהל פון שריפטשטעלער, קינסטלער און געלעהרטע, האבען געבראכט די מאדיארישע זשורנאליסטיק אויף זעהר א הויכע מדרגה און האבען דורך זייער ריהרעוודיגקייט, אונטערנעהמונגס פעהיגקייט און בעגאבונג פערנומען אין אלע צווייגען פון מלוכה'שען לעבען דעם פלאץ פון דער פועלער אריסטאקראטיע. איצט ווילען די מאדיארען ארויסראטען די דאזיגע [illegible] ארבייטער. די מיליאנען [illegible] און געבילדעטע אידען פון יוראפ וועלען דאס [illegible] דער הערשענדער נאציע, כדי צו אונטערדריקען די שוואכערע פעלקער.

א אידיש - סלאוואקישע צייטונג בעמערקט דערצו, אז אויב עס איז ריכטיג אז די אונגארישע אסימילירטע אידען פערגעסענדיג אין זייערע אייגענע נאציאנאלע אינטערעסען האבען אבגעגעבען אלע זייערע כחות דער אונגארישער נאציע, זענען זיי דאך קיינמאל ניט געווען קיין [illegible] ביי זיי כדי צו אונטערדריקען פרעמדע פעלקער.

### ווי פארדיענט מען 5000 מארק א טאג?

דער ווארשעווער ,,יוד" דערצעהלט. — אין די לעצטע וואכען האט מען באמערקט אויף דער טעלעגראפען סטאנציע אז מען שיקט אוועק פון ווארשע קיין אמעריקע טעלעגראמען מיט א קליינע צאהל ווערטער און דערביי באצאהלט מען פאר אן ענטפער פאר 100 ווערטער. אזוי ווי א ווארט דעפעשע קיין אמעריקע קאסט 7 מארק באצאהלט מען פאר דער תשובה 700 מארק.

אין דעם ענטפער ליגט א זעלטען גוט געשעפט, וואס נור א שפעקולאנט האט עס געקענט אויסטראכטען.

אנשטאט א תשובה פון 100 ווערטער שיקט נאר צוריק דער אמעריקאנער א קורצע דעפעשע פון 6—10 ווערטער און פאר די איבריגע 90 ווערטער נעהמט ער אין דער אמעריקאנער פאסט א טשעק. אזוי ווי פון אמעריקא קיין פוילען קאסט א ווארט א האלבען דאלאר צאהלט מען אין א רעשט 54 דאלאר. די דאזיגע סומע שיקט יענער אפ זיין באקאנטען אין ווארשע וועלכער באקומט פאר די 45 דאלאר לויט'ן היינטיגען קורס, לערך 5,800 מארק. אויף אזא אופן בלייבט ריינער ,,ריוח" א 5000 מארק.

## די לאגע אין דעם נייעם יוגא־סלאווישען שטאאט

(פארזעצונג פון פיידוש 4)

דעמאקראטען שלאגען פאר, נאר זיי (די ראדיקאלען) טענה'ן, אז די ענדערונגען דארפען ניט געמאכט ווערען אזוי שנעל ווי די דעמאקראטען ווילען, נאר גאנץ לאנגזאם. דער לעצטער מיניסטער־ראט - קאבינעט פון יוגא - סלאוויע איז צוזאמענגעשטעלט פון דעמאקראטען. אבער ער האט געהאט א גאנץ שווערע עקזיסטענץ צוליעב דער גרויסער אפאזיציע פון דער געגנערישער פארטיי. די רעגירונג האט פאר זיך די שווערע אויפגאבע צו באפרידיגען יעדע באדייטענדע גרופע פון לאנד, נאציאנאלע פונקט אזוי גוט ווי רעליגיעזע, און דאצו פאדערט זיך פון די מיניסטארען פיעל שכל און פיעל פעהיגקייט.

עקאנאמיש געפינט זיך יוגא - סלאוויע אין דעם איצטיגען מאמענט אין א שווערע לאגע ווייל דער חורבן וואס די מלחמה האט דארטען איבערגעלאזען אין די וויכטיגסטע פלעצער האט נאך ניט געקאנט פארריכט ווערען אין דער צייט וואס נאך דעם וואפענשטילשטאנד. אלע עקספערטע זיינען אבער איינשטימיג אין זייער מיינונג, אז עס וועט נעהמען גאר ניט לאנג און יוגא - סלאוויע וועט אויפגעריכט ווערען עקאנאמיש ביז אזא הויכען גראד, אז זי וועט ווערען איינע פון די רייכסטע לענדער אין אייראפא, ווייל איהר באדען ענטהאלט אין זיך אלע נאטירליכע אוצרות און אלץ וואס פאדערט זיך דא אין באארבייטען.

אין דעם גרעסטען טייל פון יוגא־סלאוויע איז שוין דורכגעפיהרט געווארען א זעהר וויכטיגע לאנד - רעפארם לויט וועלכער יעדער פויער מוז האבען א שטיקעל ערד וואס איז גענוג אויף צו געבען איהם חיונה און קיינער טאר ניט האבען ערד איבער הנדערט אקער. די באפעלקערונג איז זעהר ארבייטזאם און א פויער וואס בעארבייט זיין שטיקעל ערד ווי עס בעדארף צו זיין געניסט גרויס רעספעקט פון אלעמען. דער ברודער פון דעם סערבישען הויפט - קאמאנדיר, וועלכער רעכענט זיך פאר איינעם פון די גרעסטע גענעראלער אין אייראפא, איז א פשוט'ער פויער, און ער (דער פויער) פיהלט אז זיין ברודער האט זיך ניט וואס צו שעהמען מיט איהם ווייל ער לעבט א לעבען פון טיכטיגער עהרליכער ארבייט.

דאקטאר
יוליוס לעווין
דענטיסט
אפיס: 382 קווין וועסט קארנער ספעדיינע עוו.
וועגען אפאינטמענטס טעלעפאנירט קאלעדזש 766

אורין־
אויספליסונגען
קוריערט אין
24 שטונדען
SANTAL CAPSULES MIDY
MIDY
היט זיך פאר נאכגעמאכטע

דר. סלאון האט איבערגענומען דר. שווארצ'ס אפיס
דר. מ. שווארצ'ס אפיס שטעהט יעצט אונטער דער אויפזיכט פון
דר. א. סלאון
דענטיסט
137 בעווערלי סטריט
טעלעפאן קאלעדזש 5483

ווענען ראיעלסטע און בעסטע אינשורענס, ווענדעט אייך צו
פ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

שעכטערס
אפיס איז אפען יעדען טאג.
פון 9 ביז 9.
ריעל עסטייט, אינשורענס
מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס, געזעצליכע דאקומענטען און אויך גענעראל אגענטען פאר אלע אידישע צייטונגען, אין לאנדאן, ברענטפארד, סענט קעטהערינס, גאלט, דאנדאס און האמילטאן. אדווערטייזונגען פאר'ן ,,זשורנאל" ווערען אנגענומען לויט דעם אפיס פרייז.
אפיס 679 בארטאן סט. איסט, טעלעפאן גארפילד 127.
הויז 65 איסט אוו. נארטה. טעלעפאן רעג. 5589.
James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licenes

ווען איהר קויפט אן ארטיקעל דערמאנט דעם
,,אידישען זשורנאל"

פ. שלייפער
307 אגוסטא עוועניו.
איך פארקויף אלערליי גראמאפאנען. איהר באקומט אויך נייע נידעלס, אידישע און ענגלישע רעקארדס, צו ביטען.
איך מאך אויך אלערליי שלאסער־ארבייט, ווי אויך לייכטע מאשינערי ריפערינג.
נייע שליסלען און שלעסער.
בייבי קערעדזשעס פארריכט.
ווען איך מאך אייער ארבייט, סייפט איהר געלט. צופרידענהייט גאראנטירט, אדער אייער געלט צוריק.
מיר קומען נאך די ארבייט. טעלעפאן נאמבער נאך ניט ארוים.

נאטיס צו אלע רעגיסטרירטע
ציוניסטען אין טאראנטא
ווי אויך צו אלע רעגיסטרירטע אין צענטראל־דיוויזשאן
מיר מאכען בעקאנט, אז מר. ל. מ. סינגער איז באשטימט געווארען אלס טשערמאן פון רעגיסטראציע פון דעם גאנצען צענטראל דיוויזשאן, צו פארנעהמען דעם פלאץ פון מר. ב. סטאון, וועלכער האט געפונען פאר אונמעגליך דיעזען אמט ווייטער אנצוהאלטען.
מיט אכטונג,
קענעדער ציוניסטישע פעדעראציע, אינק.

פארגעסט ניט צו קומען
צום
,,פורים באל"
היינטיגען פרייטאג נאכט
דעם 27־טען פעברואר אין ארפעלאוס
טעמפעל קאלעדזש סטריט
ארראנזשירט פון בר. 26 אידיש נאציאנאלער ארבייטער פארבאנד, (געוועזענע פוילישע יאנג־מענס).
אלע, אלע! טרעפען מיר זיך דארט.
קארפס יוניאן ארקעסטער.

די דזשורנאל פרעסס
(אין דעם זעלבען בילדינג פון ,,אידישען זשורנאל".)
251 קווין סטריט וועסט — טעל. עדעלייד 3967
בעקאנטמאכונג!
מיר מאכען באקאנט אונזערע פיעלע קאסטימער און פריינד, דאס מיר האבען יעצט א באזונדער אריינגאנג
דורך 251 קווין סטריט וועסט
מיר מאכען אלערליי
פרינטינג ארבייט
קיין דזשאב איז פאר אונז ניט צו קליין אדער צו גרויס.
מיר מאכען פון א ביזנעס־קארד ביז א בוך. א. ז. וו.
אום באקאנט צו מאכען דעם פלאץ, רעדוצירען מיר די פרייזען אויף אלע אפיס סטיישענערי און סאסייטי־פרינטינג פאר איין מאנאט אנפאנגענדיג פון היינט דאנערשטאג דעם 12־טען פעברואר ביז דעם 12־טען מארטש.
ביזנעס - לייטע, סעקרעטארען פון סאסייטעס און שוהלען! נעהמט עס אלעס אין אכט, און אויב איהר דארפט פרינטינג, געמאכט גוט, שעהן און שנעל, קומט גלייך צו אונז אדער טעלעפאנירט
עדעלייד 3967
פרעגט דורכאויס פאר מר. ה. לעווענטהאל.
פרינטינג געמאכט אין אלע שפראכען.
גוטע ארבייט. ערנטליכע בעהאנדלונג.
THE JOURNAL PRESS
H. LEVENTHAL, Manager
251 QUEEN WEST (HEBREW JOURNAL BUILDING) PHONE ADEL. 3967

HIPPODROME
די וואך פון פעברואר דעם 29־טען
טהעדא בארא
אין
דאס רוסישע מיידעל
אסטאר מוידלאך רעוויו דעלוקס, בארני מוירפהי, קארטעלי, בילי ריוויוס מיקדערמארט און האגאני פעטה פאלארד קאמעדיע טרופ. סידני דרי קאמעדיע.

דער
היינטיגער
קורס
פוילישעמארקס
1000 ,, $9,80
גוראפסקי
113 קוויןסט. וועסט

נאך ראיעלע אינשורענס פאליסעס
ווענדעט אייך צו
ל. ווהיט
109 גארוויק עוו.
איינער וואס פארשטעהט די אינשורענס און גיט די בעסטע עצות
טעלעפאן קאלעדזש 8585

דר. פאומאן
דענטיסט
איך מאך בריטש ארבייט צו מעסיגע פרייזען. קיין ווארטען אויפ'ן נעקסט.
דר. פאומאן
ראיעל בענק בילדינג
קארנער טשעסנאט און דאנדעס סטריט

קעס'ס דזשועלערי סטאר
145½ קווין סטריט וועסט
ספעשעל בארגיינס אין דיימאנד רינגען, לאוועלירס, גאלד וואטשעס, 14 קערעט טשיינס, סילווער סעטס נייע סטיילס, לייכטערס, קאט גלעס, אויך גראמאפאנס און רעקארדס. ווי אויך פערשיעדענע פרעזענטש אייווארי סעטס. יעדעס ארטיקעל נעווים ביליגער ווי אין די גרעסטע סטארס איהר מעגט זיך ערלויבען און קומען זעהן אונזער סטאק. פערשפעטיגט ניט און קומט גלייך.
אייער פריינט קעש
145½ קווין סט. וו. טעלעפאן ער. 3588

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
N.Y. WINDOW CLEANING CO.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני —
מיר אַטענדען צו אלערהאנד [illegible] פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן עדלייד 8087
אווענטס און יום־טובים טעלעפאנירט קאל. 6619
NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST

LOEW'S
לאו'ס יאנג סטריט טהעאטער
טעל. מיין 3600 — היי קלאס וואדעוויל — [illegible]
[illegible] 15 סענט ביז 11 נאכמיטאג 10 סענט 15 סענט אוונט 10 סענט 15 [illegible]
די וואך פון 23־טען פעברואר.
וויאלא דאנא אין די־ווילאו טהרע
זעקס וואדעוויל אקטען מעק און סעל, דזשעסי ריד, לאוס פיקטשוראל רעוויו, דזשענארד און גאלה, אין מ'דארף א מארעל דזשאנסאן ברודער, איזאבעלא דע ארמונד מאט א זו דזשעף קארטונס די פארשטעלונג אין ווינטער גארדען וואו אלע סיטס זענען רעזערווירט זענען די זעלבע ווי אין לאוס טעאטער.

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס
ארדערט קוילען יעצט און ווארט ניט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און ראצי וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.
THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696
איטאן קאהל קא.
אפיס 352 קווין וועסט טעל. עדל. 2696

לואיס מ. סינגער
לאיער און נאטארי פאבליק
קאמיסיאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע
לאא אפיס 154 סימקאו סטריט
טעלעפאן עדלייד 1440
טעלעפאן עדלייד 1441
וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלעדזש 4586

דזשועלרי הענדלער און דזשועלרי סטארקיפערס אויפמערקזאם
זייט וויסען, אז איך
מ. העלטער
האב זיך גענומען צו דער ארבייט, און בין וויליג צו מאכען אלערליי דזשועלרי דזשאבס פאר דער טרייד.
רופט מיך אדער זעהט זיך מיט מיר. ווען איהר דארפט מאכען אייערע דזשועלרי דזשאבס, און איהר וועט זיין צופריעדען.
אלערליי רינגען, קלענערע אדער גרעסערע, געמאכט צום סייז.
מיין נייער אדרעס איז
251 Queen St. West
טעלעפאן אדלייד 3967

קויפט אייערע קויהלען פון
יאנצווער בראדערס
וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קויהלען מיט ראזשערס טיקעט
268½ קווין סט. וועסט. טעלעפאן עדעלייד 8766.

HOW TO BECOME A REAL MUSICIAN?
By taking lessons at Michael Angelo's music school Maestro Michael Angelo will guarantee you a sure success of becoming a real Violin, Mandolin, Cornet. Saxphone player or any other wind and String instruments, also the same Michael Angelo's patient of teaching children to play Violin is not to be compared with any other teachers. So be sure to telephone or come personally regarding your child's mucic education as Sig: Michael Angelo is the only teacher that takes real interest in them, ,,and be aware of fakers"
Studio at Alhambra Hall 450 Spadina Ave. near College St
Tel. Col. 17

Prof. Michael Angelo



אלערליי עלעקטריק וויירינג ווערט געמאכט ביי די
אנטעריא עלעקטריק און פיקסטשורס קא.
649½ קווין סט. וועסט
דארפט איהר ווייערען אייער הויז, סטאר, פעקטארי, קאמפליט מיט פיקטשורס?
טעלעפאנירט אדעלייד 6556.
אויך האבען מיר אלערליי עלעקטריק פיקטשורס און לאמפען, סי. א. ד. ארדערס ווערט דעליווערט נישט ווענינער ווי 5 לאמפען.
אונזער מאטא איז צופריעדענהייט.
הויז טעלעפאן מיין 6367.
ס. ניסענבאם פראפרייט.